Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשן

היינט 10 זייטן

נייער פאלקסבלאט

№ 30 | Łódź, Wtorek, 5 lutego 1935 r. | דרייצענטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, אדר ראשון ב׳ תרצ״ה | № 31

Adres Redakcji i Administracji : Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע : לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

רעזולטאטן פון די לאנדאנער געשפרעכן

גרויסע רעדע פון פראנצויזישן פרעמיער פלאנדען

פּאַריז, 4 (ספּ. טעל.)

דער פּרעמיער פלאַנדען האָט היינט אין אָוונט געהאַלטן אַ רעדע דורך ראַדיאָ וועגן די רעזול־טאַטן פון די לאַנדאָנער געשפּרעכן.

די דייטשן, האָט דער פּרעמיער געזאָגט, בע־וואָפענען זיך בסדר און אַזוי־אַרום האָבן זיי זיך אין דער פּראַקטיק באַפרייט פון אַ טייל פון ווער־סאַלער טראַקטאַט. ס׳שטעלט זיך דעריבער די פראַגע, צי פראַנקרייך קען מסכים זיין אויף דעם דאָזיגן באַוואָפנונגס־גאַנג. וועלכע קען ברענגען די גע־פאַהר פאַר׳ן שלום, פראַנקרייך, וויל שלום און נישט דערלאָזן צו מלחמה, דאָס האָט זי בע־שטעטיגט אין לאָנדאָן. ס׳האָט זיך קודם־כל גע־האַנדעלט וועגן פאַרשטאַרקן דעם סיסטעם פון די זיכערקייטס־אָפּמאַכן.

באַך דעם לאָקאַרנער אָפּמאַך, וועלכער פאַר־זיכערט די פראַנצויזיש־בעלגיש־דייטשע גרענעץ, איז געקומען די צייט אויף דעם דונאַי־אָפּמאַך ווע־גן וועלכן ס׳איז גערעדט געוואָרן אין רוים, צו די צווייטע אָפּמאַכן דאַרף קומען דער מזרח־פּאַקט, וועלכן דער מיניסטער לאַוואַל בעמיהט זיך צו פאַרווירקליכן, די פראַנצויזישע מיניס־טאָרן האָבן אין לאָנדאָן געפינען דעם הסכם צו דער דאָזיגער פּאָליטיק.

די פעלקער־ליגע דאַרף קאָנטראָלירן אַלע אָפּ־מאַכן און דעריבער דאַרף דייטשלאַנד צוריק אַריינ־טרעטן אין דער פעלקער־ליגע ביים גלייכצייטיגן פאַרלעדיגן די באַוואָפנונגס־פראַגע. דאָס איז געווען די מיינונג פון ענגלאַנד, אויף וואָס פראַנקרייך האָט מסכים געווען.

מאָרגען קען זיך שוין אָנהויבן די קאָנ־פערענץ וועגן דעם בעגרענעצן די באַוואָפנונג, וועלכע האָט ביז־איצט נישט געגעבן קיין רע־זולטאַטן, דייטשלאַנד, וועלכע פאַרלאַנגט וועגן שלום דאַרף אויסנוצן די געלעגנהייט און אָנטיילנעה־מען אין דער דאָזיגער קאָנפערענץ, אין איצטיגן כאַאָס, האָט דער פּרעמיער ווייטער געזאָגט, איז נישט פאַרהאַן קיין זיכערקייט אַזוי לאַנג ווי מען טראַכט וועגן באַמבאַרדירונג אין דער לופט, דאָס פּראָבלעם דאַרף באַלד געלעזט ווערן, און דער פראַגע איז אויך געקומען צו אַ הסכם און ס׳וועט געשלאָסן ווערן אַ קאָנווענץ וועגן לופט־אָנ־גריפן וואָס וועט פאַרטרייבן די מורא פאַר אַ פּלוצ־לינגן אָנגריף אין דער לופט, צו דער דאָזיגער קאָנ־ווענץ וועלן אויך איינגעלאַדענט ווערן אַנדערע מלוכות.

געדאַנקט דעם פּרעמיער און לאַוואַלן פאַר דער דורכ־געפירטער אַרבייט.

לאָנדאָן, 4 (ספּ. טעל.)

דער אַמעריקאַנער שאַרזש־דע־אַפער איז גע־קומען אין אויסערן־מיניסטעריום, כדי זיך צו דער־וויסן פּרטים וועגן די ענגליש־פראַנצויזישע אונ־טערהאַנדלונגען.

פּאַריז, 4 (ספּ. טעל.)

די צייטונגען שרייבן, אַז אין צוויי וואָכן אַרום וועט געהרינג קומען קיין לאָנדאָן, כדי אויס־צוהערן די פאָרשלאָגן פאַר דייטשלאַנד אין צו־זאַמענהאַנג מיט דער פאַרענדיגטער פראַנצויזיש־ענגלישער בעראַטונג.

פּאַריז, 4 (ספּ. טעל.)

דער לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט פון „האַוואַס" ברענגט פּרטים פון דער נעכטיגער רעדע פון ענגלישן אויסערן־מיניסטער סימאָן. „קיינער פון די עקזיסטירנדע אָפּמאַכן גיט אונז נישט קיין רעכט זיך צו ווענדן וועגן הילף פון וועלכע ס׳איז מלוכה, כדי אָפּצושלאָגן אַ לופט־אָנגריף וועלכער איז נישט פּראָוואָצירט געוואָרן.

אין דער איצט־פאָרגעלעגטער קאָנווענץ האָבן מיר דאָס ערשטע מאָל בעקומען אַ גאַראַנטיע, וועלכע קען אונז געבן אַ דירעקטע נוצן. אין דער קאָנווענץ ווערט געזאָגט, אַז אויב איינער פון די צדדים וועט פאַלן אַ קרבן פון אַ לופט־אָנגריף וועלן מיר העלפן מיט אונזער גאַנצן לופט־וועזן".

מיני. סימאָן האָט בעטאָנט, אַז דייטשלאַנד איז בעהאַנדעלט געוואָרן אַזוי ווי זי האָט גע־דאַרפט בעהאַנדעלט ווערן. דאָס הייסט אַלס גלייכ־בערעכטיגטע מיט אַלע אַנדערע מלוכות, וועלכע זענען איינגעלאַדעט געוואָרן צו דער דיסקוסיע וועגן דער קאָנווענץ.

לאָנדאָן, 4 (ספּ. טעל.)

די לאָנדאָנער געשפּרעכן צווישן די פראַנ־צויזישע און ענגלישע מיניסטאָרן האָבן זיך בעני־טען פאַרענדיגט.

דורך 3 טעג, איז די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער פּאָליטישער וועלט געווען געווענדעט קיין לאָנדאָן און מ׳האָט געוואַרט אויף די רעזול־טאַטן פון די געשפּרעכן.

קודם־כל האָט מען גערעדט וועגן דער פעל־קער־ליגע און איהר טעטיגקייט, דאַן וועגן לאַ־וואַלס וויזיט אין איטאַליען, וועגן די שלום־פּראָב־לעמען פון מזרח־אייראָפּא בעזונדערס וועגן די דייטשע פאָדערונג, דאַן אויך וועגן באַוואָפנונג און לופט־אָנגריפן.

פּאַריז, 4 (ספּ. טעל.)

דער פּרעזידענט לעברון האָט אויפגענומען דעם פּרעמיער פלאַנדען און אָפּגענומען אַ בעריכט פון די לאָנדאָנער געשפּרעכן, דער פּרעזידענט האָט

שניי, שטורמס און רעגנס

פיל מענשליכע קרבנות

בערלין, 4 (ספּ. טעל.)

די לעצטע שטורמען און רעגנס האָבן געהויבן דאָס וואַסער אין רהיין און אין איהר אָפּצווייגונגען, אין פיל ערטער אויך אין סאַאר זענען די טייכן אַרויס פון די ברעגעס, ס׳דראָהט אַ פאַרפלייצונג.

* * *

ווין, 4 (ספּ. טעל.)

די לעצטע שניי שטורמען אין די עסטרייכישע אַלפּען האָבן נישט נאָר אָנגעמאַכט גרויסע שאָדענס נאָר האָבן אויך געבראַנגט פיל מענשליכע קרבנות. מיט אַ שרעקליכן טויט איז אומגע־קומען דער בעקאַנטער עסטרייכישער גאַרטען לוי־פער וויינצעטעל, וועלכער איז פאַרפרוירן געוואָ־רען אין די בערג.

60 גאַרטען לויפער זענען אָפּגעשניטען פון דער וועלט.

שטאַרקע שטורעם־ווינדען און שלאַקס־רעגענס אין ירושלים

ירושלים, 4 (יט״א טעלעגראַפיש)

זייט 3 טעג האָבן דאָ געהערשט שטאַרקע שטורעם־ווינדען און שלאַקס־רעגענס.. פון דעם שטורם איז בעשעדיגט געוואָרן די קאָמוניקאַציע־בעווע־גונג. אויך פיל ערטער אין איבער־געריסן געוואָרן די טעלעפאָן־און טעלעגראַף־פאַרבינדונג. די פּר־דסים האָבן ווייניג געליטן פון דעם שטורם.

אָפּקלאַנגען פון מינ. בעקס עקספּאָזע

בערלין איז שטאַרק צופרידען

בערלין, 4 (ספּ. טעל.)

דער וואַרשאַווער קאָרעספּאָנדענט פון דער „בערזען צייטונג" שרייבט, אַז די עקספּאָזע פון מינ. בעק האָט געבראַכט אַ רייהע פּרינציפּיעלע פעסטשטעלונגען פון גרויסער בעדייטונג. פון דייטשן שטאַנדפּונקט קען מען מיט פרייד אָננעה־מען, אַז פּוילען טיילט די אָנשויאונגען, וועלכע דעצידירען אויך וועגן דער דייטשער אויסערן פּאָליטיק, סיי פון דעם וואָס איז שוין דערגרייכט געוואָרען און סיי פון דעם וואָס דאַרף נאָך דער־גרייכט ווערען.

פּאַריז, 4 (ספּ. טעל.)

די פראַנצויזישע פּרעסע, ברענגענדיג די דיסקוסיע אין דער אויסערן קאָמיסיע פון סיים האַלט זיך אָפּ פון אייגענע קאָמענטאַרען.

רוים, 4 (ספּ. טעל.)

„זשורנאַל ד׳איטאַליא" זעהט אין עקספּאָזע פון מינ. בעק קודם כל אַ צוזאָג, אַז פּוילען וועט צוטרעטען צום מזרח פּאַקט.

בלוטיגע צוזאַמענשטויסן אין פראַנקרייך

איין דערהרג׳עטער פיל פערוואונדעטע

פּאַריז, 4 (ספּעצ. טעל.)

די פאַראיינען פון די גצוו. קאַמבאַטאַנטען, וועלכע געפינען זיך אונטערן איינפלוס פון די סאָציאַליסטען און קאָמוניסטען האָבן נעכטען אין ליל אָרגאַניזירט אַ גרויסען מיטינג. נישט קוקנ־דיג דערויף וואָס די פּאָליציי האָט נישט ערלויבט קיין גאַסען מאַניפעסטאַציעס, האָבן די קאַמבאַ־טאַנטען איינגעאָרדענט אַ צוג, וועלכער איז אַדורך די הויפּט גאַסען פון שטאָט. אין צוג האָבן אָנ־טיילגענומען 2000 מענשען. צווישען דער פּאָליציי און מאַניפעסטאַנטען איז געקומען צו שאַרפע צוזאַמענשטויסען. צוויי צענדליג מענשען זענען פאַרוואונדעט געוואָרען. ס׳זענען געמאַכט געוואָרן פיל אַרעסטען.

פּאַריז, 4 (ספּ. טעל.)

אויף דער פּאַרשטאָט סט. זשערמען איז נעכ־טען געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישען די פאַרקויפער פון „אַקסיאָן פראַנצעז" מיט די פאַרקויפער פון דער קאָמוניסטישער „הומאַניטע". פון ביידע זייטען זענען פאַרהאַן פיל פאַרוואונ־דעטע. אַ בעוויסער אינזש. כּמיע, וועלכער האָט פאַרקויפט די „אַקסיאָן פראַנסעז" האָט בעקו־מען אַזאַ שטאַרקען קלאַפּ, אַז ער איז געשטאָרבען.

מאַרשאַל פּילסודסקי זאָל אַרויס־פאָהרען אויף עטליכע חדשים אורלויב?

וואַרשאַ, 4 (טעלעפאָניש)

אין די פּאָליטישע קרייזען האַלט מען, אַז דער מאַרשאַל פּילסודסקי וועט נאָכ׳ן אָננעהמען די קאָנסטיטוציע און נאָכ׳ן אויפקלערן די אינ־טערנאַציאָנאַלע לאַגע, אַרויספאָהרן אין דרום אויף עטליכע חדשים אָפּרוה־אורלויב.

דאָס אָרט וואו דער מאַרשאַל זאָל פאַרברענגען אויף אורלויב איז נאָך נישט אויסגעוועהלט גע־וואָרען.

היינט — די לויה פון באָלעסלאַוו לימאַנאָווסקי

אַ קראַנץ פון מלוכה־פּרעזידענט און מאַרשאַל פּילסודסקי

וואַרשאַ, 4 (טעלעפאָניש) היינט קומט פאָר די לויה פון דעם פאַרשטאָרבענעם 100 יעהריגען אומאָפּהענגיגקייטס קעמפער און סאָציאַליסטישען טוער באָלעסלאַוו לימאַנאָווסקי.

דער מלוכה פּרעזידענט און מאַרשאַל פּיל־סודסקי האָבן צוגעשיקט קרענץ צו דער לויה.

פּוילען וועט נישט אָנטייל־נעהמען אין שאַלאַנזש

וואַרשאַ, 4 (טעלעפאָניש)

דער פּוילישער אַעראָ־קלוב האָט זיך אַרויס־געצויגן פון אָנטיילנעמען אין די הייַיאָהריגע שאַלאַנזש־פאַרמעסטונגען.

מאַנגעל אין אַרבייטס־הענד אין ארץ־ישראל

תל־אביב, 4 (יט״א טעלעגראַפיש)

„הסתדרות" האָט פאַרעפענטליכט אַ צווייטען קאָמוניקאַט וועגן דעם מאַנגעל אין אַרבייטס־הענד איז שטאָט און אין דאָרף.

אַ קויל אין מויל אַריין

זעלבסטמאָרד פון אַ הויכען בעאַמטען אין ווילנא

ווילנא, 4 (ספּ. טעל.)

נעכטען אין אָוונט איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד דער לייטער פון אינדוסטריע־אַמט ביים ווילנער מאַ־גיסטראַט באָלעסלאַוו קוסטצקי, 35 יאָהר אַלט. ער האָט זיך אַריינגעשאָסען אַ קויל אין מויל אַריין. די סיבה פון זעלבסטמאָרד איז נישט בעקאַנט.

2 פליהער דערהרגעט געוואָרן

קראַסניסטאַוו, 4 (ספּ. טעל.)

היינט באַכמיטאָג איז נעבען קאָלושין באַהעבעט פון קראַסניסטאַוו בעת אַ שטאַרקען שניי־שטורם אַראָפּגעפאַלען אַן אַעראָפּלאַן. ביידע פליהער זיג־מונט פּיעקאַרסקי און סטאַניסלאַוו זשעליבסקי זענען דערהרג׳עט געוואָרען.

דער אינטערנאַציאָנאַלער שאַך טורניר אין מאָסקווע

ריגא, 4 (ספּ. טעל.)

פון מאָסקווע מעלדעט מען, אַז דער אינ־טערנאַציאָנאַלער שאַך טורניר עפענט זיך דעם 15 ד.ח. אין בנין פון מוזעאום. אין טורניר נעהמען אָנטייל 20 פון די בעסטע שאַך שפּילער אין דער וועלט, צווישען אַנדערע אויך די אַלטע שאַך־מייסטער קאַפּאַבלאַנקא, פלאָר און לאַסקער.

גרויסע סטודענטען-מאניפעסטאציעס געגען אויסלענדער

געשלעגען מיט פאליציי און מיט אויסלענדער אויף פאריזער גאסען

פאריז, דער שטרייק פון די סטודענטען געגען געבען די אויסלענדער א מעגליכקייט צו קענען דא ארבייטען, האט אנגענומען א ברייטערען כאראקטער ווי מ'האט פאראויסגעזעהן. איבעראל זענען געקומען גרופעס סטודענטען און מאניפעסטירט געגען אויסלענדער. געטראפען ווערען די אויסלענדישע יודישע סטודענטען פאר וועלכע דאס געזעץ וועגען ווארטען 10 יאהר נאך דער נאטוראליזאציע איז פשוט א פראפעסיאנעלער טויט אורטייל! — און דאס וויכטיגסטע דערביי איז, וואס די צאהל אויסלענדישע סטודענטען, וועלכע טראנספארמירען זייערע אוניווערזיטעט דיפלאמען אויף מלוכה דיפלאמען איז אייגענטליך גאר א קליינע... אבער קיין סטאטיסטיק איז נישטא, קיין שום גאטירליך אויך נישט, איין צד קומט בלויז צום ווארט און פיל יודישע יונגע מעדיקער דער הויפט וועלען מוזען ווייטער אפוואנדערן. אזוי זעהט אויס די לאגע.

אין פאריזער מעדיצינישען פאקולטעט איז דער שטרייק פראקלאמירט געווארען אויף פרייטאג.

שוין אינדערפריה זענען פארגעקומען פיל אינצידענטען און די פאליציי האט געמוזט אינטערווענירען.

אויף די קוביע איז געקומען צו א העפטיגען צוזאמענשטויס, ווייל א גרופע סטודענטען פון מעדיצינישען פאקולטעט האבען אפגעשלאסען דעם צוטריט צו די לעקציעס.

מען האט געמוזט ארויסרופען פאליציי. די סטודענטען האבען געשטעלט א ווידערשטאנד דער פאליציי: דער 19 יעהריגער סטודענט לעאן באנעט וועלכער האט פערוואונדעט די פאליציי-אגענטען זשאר און פעלסיע, איז ארעסטירט געווארען.

צוזאמענשטויסען מיט אויסלענדער

נאכמיטאג האט זיך א מאניפעסטאציע פון סטודענטען געלאזט צום יורידישען פאקולטעט.

ביים פלאץ דע לא סארבאן האבען זיך די מאניפעסטאנטען צונויפגעטראפען מיט א גרופע אויסלענדישע סטודענטען. די אויסלענדער האבען געפרובט אויסדריקען זייער פראטעסט געגען אומבעגרינדעטען שטרייק.

די מאניפעסטאנטען האבען געענטפערט מיט א געשלעג און עטליכע סטודענטען האבען געקריגען געשלאגען.

פאליציי האט אינטערווענירט און צוטריבען די מאניפעסטאנטען.

אין דעם לאטייגישען קווארטאל האט מען געזעהן עטליכע הענד אפישען פון לינקע סטודענטען. דער פרעזידענט פונם „פראנצויזישען מעדיצינישען פראנט" האט אפילו ערקלערט: — „מיר לאדען איין אלע פראנצויזישע סטודענטען פון מעדיצין, אהן אונטערשיד פון ראסע און רעליגיע, און פון פאליטישע אנשויאונגען, אז זיי זאלען צושטעהן צו אונז" — אלזא, „אהן אונטערשיד פון ראסע און רעליגיע". אבער וואס פארא טרייסט איז עס פאר די יודישע סטודענטען עמיגראנטען! — דער איינטאגיגער שטרייק האט ארומגענומען די שטעט גרענאבל, טולוז, נאנט, טור, לימאזש, בעזאנסאן, נאנסי. דער דעקאן פון דער פאריזער אוניווערזיטעט, דער ליבעראלער פראפעסאר רוס האט ערקלערט:

— „איך וועל מיט פארגעניגען אויפנעהמען א דעלעגאציע פון סטודענטען, אויב זיי ווילען נור. איך קען פון מיין זייט זאגען, אז קיין שום אויסנאהם ווערט נישט געמאכט לויט דעם געזעץ פון אפריל 1934. אויב די סטודענטען ווילען א לעגיסלאטיווע רעוויזיע, דארפען זיי זיך ווענדען צו דער מאכט.

אזוי איז טאקע געווען. 11 מיט 15 מינוט אין דער פריה איז דער פרעזידענט און סעקרעטאר פון דער סטודענטישער „אוניאן נאסיאנאל" אין פראנקרייך אוועק אין בילדונגס מיניסטעריום. היות דער מיניסטער איז נישטא האט זיי אויפגענומען זיין שעף פון קאבינעט ה' בארעל, וועלכער האט זיי אויסגעהערט, איבערגענומען א מעמאראנדום און צוגעזאגט פריינדליך בעטראכטען די פראגע.

צוזאמען מיט דער אקציע געגען אויסלענדישע סטודענטען האט זיך אויך אנגעהויבען אן'אקציע געגען דעם, וואס אין טייל הויכשולען האבען די סטודענטינס פערלייכטערונגען ביים אנגענומען ווערען. מען פאדערט, אז זיי זאלען אויך דארפען א מאטורע ביים אנגענומען ווערען אויף די הויכשולען.

אין עלעקטראטעכנישער הויכשול

אין דער עלעקטראטעכנישער הויכשול איז נעכטען געווען רוהיג און די למודים זענען געגאנגען נארמאל. דא איז דער שטרייק פארגעקומען דאנערשטאג.

א דאנק דער גרויסער אויטאריטעט פון דירעקטאר פון דער הויכשול פראפעסאר פאל זשאנע, איז געלונגען צו בערוהיגען די סטודענטען.

ס'איז אינטערעסאנט צו בעמערקען, אז די ארגאניזאטארען פון שטרייק האבען געלאזט מעלדען דורך פלאקאטען „אז דער שטרייק איז נישט געווענדעט געגען די בעלגישע סטודענטען, וועלכע זענען נישט קיין פרעמדע ביי אונז".

ערקלערונג פון מיניסטעריום

דאס בילדונגס מיניסטעריום האט פערעפענטליכט אן'ערקלערונג, אין וועלכער עס ווערט מיטגעטיילט, אז צוליב דער אבוועזענהייט פון בילדונגס מיניסטעריום מאלארמע, האט דער שעף פון זיין קאבינעט בארעל אויפגענומען די דעלעגאציע פון די סטודענטען און זיי צוגעזאגט, איבערצוגעבען זייערע פאדערונגען דעם בילדונגס מיניסטער, גלייך ווי ער וועט צוריקקומען אין פאריז.

אונטער די אויגען פערמשפט צום טויט

און איצט אויסגעפיהרט די עקזעקוציע

ניו-יארק, 4 (ספ. טעל.)

פון ריטשמאן מעלדעט מען, אז ס'זענען ארעסטירט געווארען 2 געפעהרליכע באנדיטען, וועלכע האבען אין דער לעצטער צייט געבושעוועט אין די מזרח-שטאטען. דאס זענען די באנדיטען מאיס און לעגענז. זיי זענען שוין פון לאנג געזוכט געווארען דורך דעם געריכט, וועלכעס האט זיי אונטער די אויגען פערמשפט צום טויט. מאיס און לעגענז זענען באלד דערהרגעט געווארען אויפ'ן עלעקטרישען שטוהל.

פערנעהט א מענשליך הארץ

וואונדערבארע אפעראציע פון א סאוויעטישען כירורג

ריגא, 4 (ספ. טעל.)

לויט ידיעות פון מאסקווא האט דער סאוויעטישער כירורג אבראמאוו אויסגעפירט א דרייסטע אפעראציע פון א הארץ ביי אן'ארבייטער, וועלכער איז פערוואונדעט געווארען מיט א מעסער.

דער פערוואונדעטער האט זיך געפינען אין גסיסה. דער פראפעסאר האט די וואונד פון עטליכע צענטימעטער פשוט פערנייהט, דאן איז אדורכגעפיהרט געווארען א בלוט-טראנספוזיע. נאך א שעה האט דער ארבייטער צוריק בעקומען דאס בעוואוסטזיין און דאן איינגאנצען געזונד געווארען.

געשלאסען די קאנפערענץ פון די יודישע כעמיקער

ווארשא, 4 (יט"א טעלעפאניש)

היינט איז געשלאסען געווארען די קאנפערענץ פון יודישע כעמיקער.

שארפע אנטי-יודישע באיקאט-אקציע

ווערט געפיהרט אין דאנציג

דאנציג, 4 (יט"א טעלעגראפיש)

די אנטי יודישע באיקאט אגיטאציע אין דאנציג פערשטארקט זיך פון טאג צו טאג. די נאציס האבען אויפגעשטעלט פיקעטען פאר יודישע געשעפטען און רופען צו באיקאטירען יודישע סחורה.

פערמשפט די אנגעקלאגטע איז די נהלל-אונרוהען

ירושלים, 4 (יט"א טעלעגראפיש)

פאר'ן אדמיניסטראטיווען געריכט זענען געשטאנען 15 אראבער און 5 יודען, וועלכע זענען אנגעקלאגט געווארען אין דעם אנפאל אין נהלל. אלע אנגעקלאגטע זענען פערמשפט געווארען צו קליינע געלד שטראפען.

Dr. REICHER
פאלודביאווא 28, טעל. 201-93
ספעציאליסט
פאר מענער-שוועכע-בעהאנדלונג,
סעקסועלע בעראטונגען און פסיכא-אנאליזען
נעמט אן פון 8–11 און פון 5–אווענד.

א הערצליכען מז"ט ווינשען
מיר אונזער חבר און פריינד
ישראל טאבאקסבלאט
און פרוי
צו דער חתונה פון זייער זוהן דוד
מיט פרל. פריידעל גוטמאן
מיר ווינשען זיי, אז זיי זאלען דערלעבען פון זיי פיל נחת און דעם יונגען פאר א גליקליכע צוקונפט.
י. ראזענבלום און פרוי

Dr. Zygmunt
Henrykowski
ספעציאל-ארצט פאר ווענערישע
הויט-קראנקהייטען און מענער-שוועכע
האט זיך איבערגעצויגען אויף
פיעטריקאווער 86
טעל. 143-63
נעהמט אן פון 8–11 און פון 6–9 אווענד.
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע זאל.

פאר גארד,
ביזשוטעריע
און לאמבארד-זוויטעס
צאהלט די העכסטע פרייזען
איזידאר פיאלקא
פיעטריקאווער 7.

אויערן, נאז און האלז קליניק
מיט בעטען פון Dr.
Z. Rakowski
פיעטריקאווער 67, טעל. 127-81
נעהמט אן שטענדיגע קראנקע (צוויי אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטאריש פון 11–1 און פון 5–8 אוונט.

Dr. mep.
Haltrecht
ספעציאל-ארצט פאר הויט-און געשלעכטס-קראנקהייטען
פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21
נעמט אן פון 8–11 פריה און פון 1.30–2.30 מיטאג און פון 5–9 אוו. זונטאג פון 10–1 בטאג.
עלעקטראנאליזען.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזן!
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל

אויגען-קליניק
מיט שטענדיגע בעטען פון
Dr. B. Donchin
פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72
נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטאריש פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

AMBULATORJUM
ZŁAMAN
(צובראכענע קנאכען)
מיט רענטגען-דורכלייכטונג אויפ'ן ארט
לעטשניצע-פרייזען
Dr. J. Lubicz
Południowa 9, tel. 183-17.

Dr.
Wajnberg
ספעצ. פון לונגען- און הארץ-קראנקהייטען
וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145
טעל. 126-02
נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–5, 8–9 אוו.

קאמיטעט ארויסצוגעבען „משנה חב"ד"
פון חיים יצחק בונין
אדרעס פאר קארעספאנדענץ:
Rab. S. Trajstman, Łódź, Zachodnia 57.
מיר טיילען מיט, אז עס האט זיך אנגעהויבען די אקציע צו פערשפרייטען „משנה חב"ד" פון ה. י. בונין און עס ווערען אנגענומען חותמים אויף דאס ווערק. במשך פון דער אקציע בעטרעפט דער פרייז אנשטאט 25 זל. נאר – 12 זל.
„משנה חב"ד" ענטהאלט בערך 900 דרוק-זייטען און טיילט זיך אין 13 חלקים: 1) משנת האלקות, 2) משנת הנפש, 3) משנת עבודת אלקים, 4) תורה ותפלה, 5) משנת הבינוני, 6) התשובה, 7) המוסר, 8) היבואה, 9) הצדקה, 10) השכינה, 11) ישראל ועמים, 12) המשיח, עוה"ב ותחה"מ, 13) רבי וחסידים.
דעם געלד-בעטראג ווערט געבעטען צו שיקען אויף דער טשעק-קאנטא.
Nr. 146.058 Rabin Eljasz Josek Fajner — Łódź.

ליטאגראפישע
דרוק-זאכען
קלישעס
צייכנונגען
מאטריצען
ליפערט די דרוקעריי י. דיאמענט, לאדז
קילינסקיעגא 50
טעל. 188-76.

שייטלען
פון פאריזער שריינדען
צו בעקומען ביי
קערש,
סקווערא 15

Dr. med.
Leon Familier
אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען
שערפיעץ 37 (בענעדיקטא) 6.
נעהמט אן פון 5–7 נאכם.

דער שווער געטראפענער
פאמיליע פוקס
צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון ליבען
רעדאקטאר
לאזאר פוקס
מיין אינניגסטען ב י י ל י י ד.
אלי בארוכין.

מיט גרויס צער און ווייטאג בעווייגען מיר דעם פריהצייטיגען טויט פון אונזער ליבען טייערען פריינד, דעם אונפערגעסליכען
לאזאר פוקס
זאל איהם די ערד גרינג זיין. מיר דריקען אויס אונזער גרויסען מיטגעפיהל דער ליבער טאניע זאל זי איהר טרייסט אין איהר ארבייט געפינען.
דארא און פעליע בארוכין.

צוזאמען מיט דער שווער געטראפענער פאמיליע, בעזונדערס מיט דער חבר'טע טאניע, בעוויינען מיר דעם פריהצייטיגען טויט פון אונזער אזוי יונג פערשטארבענעם, אונפערגעסליכען חבר
רעד. לאזאר פוקס
יאדזשע און י. שמעון שווארצבערג.

הײנט הױבט זיך אן די בודזשעט-דעבאטע אין סײם

װי לאנג װעט נאך דױערן די סעסיע?

װאַרשע, 4 (טעלעפאָניש) הײנט הױבט זיך אָן אין סײם די בודזשעט דעבאטע. דעם בודזשעט װעט הײנט רעפערירן דעפ. מיעדזשינסקי און דאַן װעט פאָרקומען די אלגעמײנע דיסקוסיע װעגן בודזשעט.

די סײם זיצונגען װעלען פאָרקומען טעגליך דורך 14 טעג אין פערלויף פון 8 שעה א טאָג.

דער בודזשעט װעט שוין װאהרשײנליך אי בערגעהען אין סענאט דעם 25 פעברואר.

די גאנצע סעסיע פון סײם און סענאַט װעט זיך װאהרשײנליך ענדיגען אין מיטען חודש מערץ.

בענעש, פאָליטיס און מאדאריאגא

פאר'ן יודישען װעלט קאנגרעס

פּאַריז (יט"א) אין דער נאָר װאָס ערשי-נענער צײטשריפט „קאיע זשואיור" זענען פער עפענטליכט ארטיקלען פון טשעכאָסלאָװאקישען אױסערן מיניסטער דר. בענעש, פון גריכישען פאָר שטײער בײם פעלקערבונד פאָליטיס און פון שפא נישען פאָרשטעהער בײם פעלקערבונד מאדאר יאגא.

די אלע פראָמינענטע פאָליטיקער זאָגען זיך ארױס מיט גרױס סימפּאטיע װעגען דער אידעע פון יודישען װעלט קאָנגרעס.

א קאטעדרע פאר ראסען-רעכט

בערלין (יט"א) אין דער צײטשריפט „דײטשעס רעכט" (ארױסגעגעבען דורכן רײכס יוס טיץ מיניסטער ד"ר האנס פראַנק) בעגרינדעט ד"ר רוטקע די פאָדערונג װעגען שאפען א ספּעציעלע קאטעדרע פאר ראסען רעכט.

בעדראהט די עקזיסטענץ

פון הונדערטער יודישע װיענער באנק בעאמטע

װיען (יט"א) נאָך לאנגע פערהאנדלונגען איז געשלאָסען געװאָרען א קאָלעקטיװ אָפּמאך צװי שען דעם נײעם באנק בעאמטען פעראײן און דעם באנק קאָנצערן „קרעדיט אנשטאלט װיענער באנק פעראײן". לױט דעם געשלאָסענעם אָפּמאך װערען בעדײטענד פערקלענערט די ענטשעדיגונגען פאר די 500 רעדוצירטע באנק בעאמטע, מעהרסטענס יודען.

דער דאָזיגער אָפּמאַך שטעלט אין א שװערע לאגע הונדערטער יודישע באנק בעאמטע, װעלכע האָבען נישט קײן מעגליכקײט צו געפינען בעשעפ טיגונג, װײל אויף די נײע פאָסטענס װערען אנגא זשירט אויסשליסליך ארישע בעאמטע.

סענסאצ. ארטיקעל פון לעאן בלום

װעגען רעסטאװראציע פון די האבסבורגס און א הכחשה פון לאװאל

פּאריז, 14 (ספּ. טעל.)

דער פיהרער פון די פראנצ. סאָצ. לעאָן בלום, האָט אין „פּאָפּולער" פערעפענטליכט א העכסט אינטערעסאנטער ארטיקעל װעגען דעם, אז אין בודאפעשט און אין װין װערט ענערגיש צוגעגרײט דאָס צוריקשטעלען די אלטע האבסבורגער דינאסטיע און אז אויף די פערהאנדלונגען אין רױם האָבען לאװאל און מוסאָליני אנגענומען א גינסטיגע שטעלונג צו דעם פּראָיעקט. דער ארטיקעל האָט אין די אל-װעלטליכע פּאָליטישע קרײזען געמאכט א שטארקען אײנדרוק.

דער פראנצױזישער אױסערן מיניסטער לא-װאל, װעלכער געפינט זיך איצט אין לאָנדאָן, האָט דערװיסענדיג זיך װעגען בלום'ס ארטיקעל, טעלע גראפיש אָפּגעלײקענט בלום'ס ערקלערונגען.

געריכט פרײגעשפּראכן א יוד. אדװאקאט

געגען װעלכען די נאציס האבען געפירט א װילדע אנטיסעמיטישע העצע

בערלין, (יט"א) פאַרן געריכט פון גע שװאָרענע אין מאגדעבורג האָט זיך געצויגען 5 טעג א פּראָצעס געגען יודישען אדװאָקאט ד"ר װילי שפּאניער. די פּראָקוראטור האָט דעם יודישען אדװאָקאט פאָרגעװאָרפען פיזישע מיסהאנדלונגען און אונזיטליכע מעשים לגבי זײן יוגענדליכען ביורא אָנגעשטעלטען. די פאָרװורפען געגען אדװ. ד"ר שפּאניער זענען אין דער פּרעסע און אויף פער זאמלונגען געהאט אויסגענוצט געװאָרען פאר העצע טיגער אנטי יודישע אָנגריפען און אנטיסעמיטישער שטימונג מאכערײ. אויפ'ן מאגדעבורגער פּראָצעס האָט דער פאָרשטעהער פון דער בעשולדיגונג גע פאָדערט פאר ד"ר שפּאניער 5 יאָהר תּפיסה און 10 יאָהר עהרען פערלוסט. נאָך א בעראטונג װאָס האָט געדױערט מעהרערע שעה, האָט דאָס געריכט ארױסגעטראָגען א בעפרײאונגס אורטײל און פער אָרדענט צו בעפרײען דעם ד"ר שפּאניער פון ארעסט.

װעגן אנטיסעמיטישען אינטערװיו פון עסטרײכישען װיצע-קאנצלער

װיען, (יט"א) היות ביז-איצט איז נישט ערשינען קײן שום הכחשה אָדער אויפקלערונג צום אינטערװיו מיט'ן װיצע-קאָנצלער פירשט שטאַר-העמבערג, װאָס איז מיט עטליכע טעג צוריק גע-װען פערעפענטליכט אין „נײעם װינער זשורנאַל" הערשט אין די יודישע קרײזען א זעהר שטאַרקע פערביטערונג איבער די אנטיסעמיטישע אויסערונ-גען פון װיצע-קאָנצלער. מען איז ערשטױנט, דאָס דער װיצע-קאָנצלער האָט מיט זײן ערקלערונג גאנץ אײנפאַך צונישט געמאכט אַלע ביז-איצטיגע צוזיכערונגען פון דער עסטרײכישער רעגירונג װע-גען „גלײכהײט פון אַלע מלוכה-בירגער" און „מוסטער-גילטיגען מינדערהײטען-שוץ אין עסטרײך".

6 מיליארד רובל בעטרעפט

דער רוסישער קריגס-בודזשעט

מאָסקװע, 4 (ספּ. טעל.)

װאָראָשילאָװ'ס פערטרעטער, טוכאטשעװסקי, האָט ערקלעהרט אין א רעדע, װעלכע ער האָט געהאלטען אויפ'ן קאָנגרעס פון די סאָװיעטען, אז דער קריגס בודזשעט איז געװען בערעכענט אויפן יאָהר 1934 אויף 1 מיליארד 665 מיליאָן רובעל. אין דער װירקליכקײט איז אָבער פאר'ן שוץ פון דער מלוכה אויסגעגעבן געװאָרען 5 מיליארד רובל װאָס שײך דאָס יאָהר 1935 װעלען די אויסגאבען אויפ'ן קריגס בודזשעט בעטרעפען 6,5 מיליארד רובל, כדי אויסצוענדיגען די פאָרטיפיקאציעס אויפן װײטען מזרח.

באהן-קאטאסטראפע אין שװעדן

שטאָקהאָלם, 4 (ספּ. טעל.)

צװישען מאלמע און ארלעװ איז א טראמװײ ארויף אויף א צוג. דער לעצטער װאגאָן פון פּא סאזשיר צוג איז פערניכטעט געװאָרען, צװאנציג מענשען זענען פערװאונדעט געװאָרען. די קאטא סטראָפע איז פאָרגעקומען אין דער צײט פון א שנײ שטורם.

א גרויסער מאדערנער האטעל אין חיפה

ירושלים (יט"א) די געזעלשאפט צו װעלכער עס געהערט דער „מלך דוד האָטעל" אין ירושלים, איז צוגעטרעטען בויען א גרויסען מאָ דערן אײגעריכטעטען האָטעל אין חיפה. דער האָ טעל װעט געבויט װערען אויפן הדר הכרמל, צװי שען דער שטאָדט און דעם הר-הכרמל.

װעגען א"י אויף אן'אינדישער װירטשאפטס קאנפערענץ

באמבײ. (יט"א) אין פאטנא אין די טעג פאַרגעקומען די אינדישע װירטשאַפטס-קאָנפערענץ אויף װעלכער דער אינדישער אַרבײטער-פיהרער ב. שיװאראַע (װעלכער האָט זיך אַלס אַרבײטער-דעלעגאַט בעטײליגט אין דער אינדיש-ענגלישער ראונד-טיש-קאָנפערענץ אין לאָנדאָן) האָט בעריכ-טעט איבער דער יודישער אַרבײט אין א"י, װאו ער האָט נישט לאַנג געװײלט אויף א שטודיען-רײזע. שיװאַראַע האָט פאַרגעשטעלט די יודישע א"י-אַר-בײט אַלס מוסטער, װאָס דאַרף נאָכגעפאָלגט װער-רען. דאָ, האָט ראַע ערקלערט, זענען איבערװאונדען געװאָרען די שװעריגקײטען פון װעניג-אויסגיביגען באָדען און פון װאַסער-מאַנגעל. אַ װיסט לאַנד איז פערװאַנדעלט געװאָרען אין א פּריכט-גאָרטען. דער אינדישער אַרבײטער-פיהרער האָט אויסגעפיהרט, אז פאַר אינדיען װאָלט זיך זעהר געלוינט אָנצו-װענדען בײ זיך די מעטאָדען פון די יודישע זידלער אין א"י.

3 מענשען-קרבנות פון א שטורם-װינד אין דער געגענד פון נתניה

ירושלים. (יט"א) 3 אַראַבער און 6 שטיק פיה זענען מיטגעריסען געװאָרען בעת א געװאַל דיגען װאַסער-שטראָם בעת דעם שטורם, װאָס איז די טעג אַריבער אויפ'ן שטח פון עמק-חפר און נתניה. דער שטורם האָט פעראורזאַכט אויך אַנ-דערע שאַדענס אין דער געגענד.

די טויטע קערפּערס פון די 3 דערטרונקענע זענען געפונען געװאָרען אין אַלעקסאַנדער-טײך.

דער װינד האָט ארויסגעריסען אין בנימינה פיל אַראַנזשען-בױמער.

װאַרשאװער יודישע דאָקטוירים װעלען זיך בעטײליגען

אין דעם װעלט צוזאמענפאהר פון יודישע דאָקטוירים

װאַרשאַ, (יט"א) די פערװאלטונג פון דאָקטוירים פערבאנד, װאָס נעהמט ארום 500 יודי שע דאָקטוירים האָט אויף איהר לעצטער זיצונג אויסגעהערט א רעפעראט פון דר. ל. װאולמאן, מיטגליד פון אָרגאניזיר קאָמיטעט פארן װעלט צוזאמענפאָהר פון דאָקטוירים יודען, װעגען די צילען און אויפגאבען צום צוזאמענפאָהר. די פער װאלטונג האָט בעשלאָסען זיך צו בעטײליגען אין דעם געפּלאנטען צוזאמענפאָהר. דאָס פּרעזידיום איז בעפולמעכטיגט געװאָרען צו שטעהן אין קאָנטאקט מיט דעם אָרגאניזיר קאָמיטעט בנוגע אלע פראגען װאָס זענען פערבינדען מיט דעם װעלט צוזאמענ פאָהר פון יודישע דאָקטוירים.

„יודען נישט געװאונשען"

בערלין, (יט"א) אין גיטערסלאה (װעסט פאַליען) זענען אויסגעהאָנגען געװאָרען שילדען מיט דער אויפשריפט: „יודען זענען אין דער דאָזיגער שטאָט נישט געװאונשען".

קינא-טעאטער
„MIRAZ"
11 ליסטאפאד (קאָנסטאַנט.) 16

הײנט די לאַנג ערװאַרטעטע אימפּאָ-נירענדע פּרעמיערע פון מײסטערװערק פון סאָװיעטישער פּראָדוקציע א. ג.

דער לעצטער פון די גאלאװלעװ'ס

אין דער הױפּט-ראָלע:
W. GARDIN

אויסער'ן פּראָגראַם:
סאָװיעטישע װינטער-ספּאָרט-רעװיע אויפ'ן אלעקסאנדער-פּלאַץ אין לענינגראַד.

פּרײזען פון די פּלעצער: III פּל. 54 גר., II פּל. 85 גר., I פּל. 1,09 זל. באַלקאָן 75 גר.

DR. MED
H. Różaner
הױט, װענערישע און מענער-שװאַכקראַנקהײטען
NARUTOWICZA 9, tel.8-98.
נעמט אָן פון 9–12 פּאָרמ. און פון 5–9 אָװענד
פון 12–2 מיטאָג אין דער לעטשניצע זגערזשער 17

ראטעװעט אײער געזונד
קראַנקע אויף רופּטורען (ברוך-קראַנקהײטען)
ספּעציעלע אָרטאָפּעדישע הײל-גומי-באַנדאַזשען פון מײן מעטאָדע העלפען ראדיקאל אונטער גאראנטיע אהן אפּעראציעס פון אַלע מינים ברוך-קראַנקהײטען (רופּטורען) אפילו די עלטעסטע און געפעהרליכסטע בײ מענער, פרויען און קינדער.

דאס אראפּלאזען זיך פון מאגען און קישקעס בעזײטיג איך דורך פערלעגען ספּע-ציעלע אינדיװידועל צוגעפּאַסטע בויך-באַנדאַזשען. אויף אויסגעקרימטע רוקען-בײן (הױ-קערס) אָרטאָפּעדישע הײל-גאָרסעטען אויף בײנער-שװינדזוכט און אַלע אנדערע פעהלערן אָרטאָ-פּעדישע הײל-אַפּאַראַטען אויף פּלאַטפוס.

ספּעציעלע אײנלאגען לויט גיפּס-מאָדעלען, אויף זשילאקעס. - גומי-זאָקן לויט מאָס. קינסטליכע הענד און פיס

ספּעציעלער אנשטאלט פאר הײל-אָרטאָפּעדיע
Spec. Ortop. O. PETRYKIEWICZ אוים לעמבערג
לאדז, פּיראַמאָװיטשא 9 (אלגינסקא)
(פּראָנט פּאַרטער), טעל. 177-09 נאָהנט פון לאָדזער פאבריקס-באהנהויף
בעמערקונג: דאָס ערשײנען פון די קראַנקע איז אומבעדינגט נויטיג. צאהלרײכע דאנקזאגונגען און דאַנק-בריף.
(אין זגערזש אויף טלאַמאַצקאַ № 2 און № 4 אײגענע הײזער)

לאדז, 5 פעברואר 1935

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז, 5 פעברואר 1935

וויפיל לאנג וועט געדויערן די קומענדיגע מלחמה?

די גענעראל שטאבען גרייטען זיך צו א לאנג דויערענדען קריג

די מלוכה־מענער פון אייראפא זענען איצט שטארק בעמיהט צו פערזיכערן דעם וועלט־שלום. עס ווערען צו דעם צוועק אפגעהאלטען פערשי־דענע קאנפערענצען. עס קומען פאר כסדרדיגע רייזעס פון פאריז קיין לאנדאן, פון לאנדאן קיין רוים. עס ווערען געפלאנט פערשידענע אפמאכען, אבער קיין גרויסע האפנונגען לעגען שוין נישט די פעלקער פון אייראפא אויף דעם גאנצען שלום־געפילדער, ווייל גלייכצייטיג מיט די אלע קאנפע־רענצען, וואס דארפען כלומרשט פערזיכערן דעם שלום קומט פאר אין אלע מלוכות א געוואלדיגע בעוואפנונג, וואס די וועלט האט דאס נאך נישט געזעהן, און עס פערפעסטיגט זיך די איבערצייי־גונג, אז סוף כל סוף וועט דאך קומען צו א קריג. עס איז נאר א פראגע ווי לאנג וועט דער דאזי־גער קריג אנהאלטען. אין לעצטען נומער פון „פרייעס אייראפא" איז דער דאזיגער פראגע גע־ווידמעט א ארטיקעל פון וועלכע מיר ברענגען דא א קיצור:

ווען אין 1914 איז אויסגעבראכען די וועלט מלחמה, זענען די גענעראלשטאבס־אפיצירען פון אלע לענדער געווען איבערצייגט, אז זי וועט נישט לאנג געדויערן. די מלחמה האט אבער געדויערט יאהרען און אויף אזא מלחמה איז קיינער פון די מלוכות נישט געווען צוגעגרייט. דער גאלד־אוצר, וואס די דייטשען האבען זיך געהאט צוגע־גרייט ספעציעל צו מלחמה־צוועקען, איז אין משך פון ווייניגע טעג אויפגעפרעסען געווארען. אויך די ווירטשאפט איז נישט געווען צוגעגרייט צו אזא לאנגדויערענדען קריג און עס האבען געמוזט פערגעהן יאהרען ביז מען האט געקענט די גאנצע ווירטשאפט צופאסען צו מלחמה־צוועקען.

איצט ארבייטען ווידער די גענעראלען פון פערשידענע לענדער אויס פלענער, ווי אזוי מנצח צו זיין דעם שונא אין משך פון א פאר חדשים.

עס איז פערהאן א גרופע מאדערנע קריגס־טעאריטיקער, וואס רעכענט, אז מען קען דעם קריג שנעל געווינען דורך דעם, וואס מען וועט טעראריזירען די געגנערישע בעפעלקערונג. דער גענעראל דוע איז, למשל, אין דער מיינונג, אז בעת א מלחמה וועט דער לופט־פלאט אראפוואר־פען א געוואלדיגען סכום באמבעס אויף דער פיינדליכער הויפט־שטאט. עס וועלען ענטשטעהן ריזיגע שרפות און גערדיכטע גאז־וואלקענס. אין אזעלכע בעדינגונגען וועט די רעגירונג פון דאזיגן לאנד זיין געצוואונגען אנצוגעמען יעדען שלום־אנבאט, אויב זי וועט נישט וועלען, אז די כמעט משוגע געווארענע פאלקס־מאסען זאל זי נישט אראפווארפען.

דער דייטשער מאיאר העלדערס שילדערט אין זיין בוך די „צושטערונג פון פאריז" די קו־מענדיגע מלחמה אויף פאלגענדען אופן:

אנ'ענגלישער לופט־פלאט פון 200 באמבען־אראפלאנען וועט אטאקירען פאריז. עס וועט דעם לופט־פליהער געלונגען אדורכצורייסען קיין פאריז, וואס וועט בעשטעהן ווערען פון א האגעל אויפרייס און גאז־באמבען. עס וועלען אויסברע־כען געוואלדיגע שרפות, אין פערשידענע טיילען פון דער שטאט. ריזיגע בנינים וועלען איינפאלען און שווערע גאז־וואלקען וועלען זיך ציהען אי־בער די גאסען. אין טויט־שרעק וועלען די איינ־וואוינער פון פאריז זיך בעמיהען ארויסצובעקומען פון דער שטאט, צוליב דעם וועט זיך די צומי־שונג נאך מעהר פערגרעסערן, די גאסען און פלעצער וועלען פערשטאפט ווערען און אלע וועט לען אומקומען.

אויך דער ענגלישער גענעראל פולער שטעלט זיך אויף אנ'עהנליכען אופן פאר די קו־מענדע מלחמה. ער איז אין דער מיינונג, אז אונ־טער דעם שוץ פון נעפעל און גאז־באמבען וועלען מעכטיגע טאנק־ארמעען אריינדרינגען אין לאנד און דער איבערראשטער רעגירונג דיקטירען די שלום־בעדינגונגען.

נישט קוקענדיג אבער אויף די אלע טע־אריעס קענען זיך נישט די גענעראל־שטאבען בעפרייען פון דער מורא, אז אויך דער קומענדער קריג וועט געדויערן יאהרען, און אז צוליב דעם וועט די קאפיטאליסטישע ווירטשאפט פולשטענדיג צושמעטערט ווערען. זיי האבען מורא, אז דאס וואס איז אין 1917 געשעהען אין רוסלאנד קען זיך איבערחזרען, בעת א קריג אין אנדערע לענדער.

דער גרעסטער פעהלער פון דער וועלט־מלחמה איז געווען דאס, וואס די ווירטשאפט איז נישט געווען געהעריג צוגעגרייט. דעם דאזיגען פעהלער ווילען איצט די מלחמה־טעארעטיקער אויסבעסערען. עס ווערט געארבייט ביי דער מא־בילזירונג פון דער גאנצער ווירטשאפט. אין אלע לענדער ווערען געשאפען ספעציעלע מאבילזי־רונגס־אמטען. זיי ארבייטען אויס פלענער, וואס ווייזען אן אין די קלענסטע דעטיילען, וואס יעדע איינצעלנע פאבריק האט בעת א מלחמה צו פרא־דוצירען. אין יעדען מאמענט קען די פאבריק אנ־הויבען צו פראדוצירען ספעציעל פאר מלחמה־צוועקען די מאבילזירונג פון דער ווירטשאפט, נעמט ארום די גאנצע פראדוקציע, דעם פער־ברויך און די פערטיילונג פון אלע רויה־שטאפען און פערטיגע פראדוקטען.

די נאציאנאל־סאציאליסטישע גענעראלען אין דייטשלאנד ווילען אין קומענדיגען קריג אויס־מיידען די סכנה פון מאנגעל אין רויה־שטאפען, פון וועלכען דייטשלאנד האט אין דער וועלט־מלחמה אזוי שטארק געליטען. די היטלער־רעגירונג איז דעריבער, זייט צוויי יאהר, שטארק בעשעפ־טיגט אנצוזאמלען די וויכטיגסטע רויה־שטאפען. די דאזיגע צוגרייטונגען בעווייזען, אז די פער־אנטווארטליכע פיהרער פון די גענעראל־שטאבען רעכענען זיך שטארק דערמיט, דאס אויך דער קומענדער קריג זאל געדויערן יאהרען.

דער מיטגליד פון דעם פראנצויזישען גע־נעראל־שטאב, גענ. ראקען איז אין דער מיינונג, אז א חוץ דער הונגער־בלאקאדע וועט דער קינפ־טיגער קריג זיין געריכטעט געגען דער ציוויל־בעפעלקערונג. ספעציעל וועלען די טאנקען זיין א געפאהר פאר דער בעפעלקערונג הינטערן פראנט. זיי האבען די מעגליכקייט זיך אדורכצורייסען דורכ'ן פראנט און צו פערגאזען גאנצע געביטען אהן שום שאדען פאר זיך, ווייל זיי זענען גאז־דיכט. די פיעכאטע קען אויף אויטאס זעהר שנעל איבערגעפיהרט ווערען הונדערטער קילאמעטער הינטער דעם פראנט, וואו זי וועט האבען געגען זיך נאר די ציווילע בעפעלקערונג. די מאדערנע הארמאטען פערטיפען דעם פראנט אויף 200 קי־לאמעטער, ווייל אזוי ווייט שיסט שוין די מא־דערנע ארטילעריע. דערביי זענען די פראנטען א דאנק די פערקעהר־מיטלען זעהר בעוועגליך.

דער גענעראל ראקען שרייבט נישט איבער דעם אויסגאנג פון דער מלחמה, אבער פאר אונז איז גענוג דאס, וואס ער זאגט וועגן דעם אנ־הויב און וועגן די ערשטע יאהרען. דער פער־טרעטער פון פראנצויזישען גענעראל־שטאב קומט אבער צום אויספיהר, אז די מלחמה וועט געדוי־ערן יאהרען.

די סיבות פון דער יאפאנישער עקספאנסיע אויפן וויטן מזרח

דער בעפעלקערונגס־צוואוקס פון יאפאן בעטרעפט א מיליאן יעהרליך

די יאפאנישע אקציע אויפ'ן וויטען מזרח, האט ווי בעוואוסט, ארויסגערופען א גרויסע פער־אינטערעסירונג אין דער גאנצער וועלט. דער דא־זיגער יאפאנישער אקציע זענען צוגעשריבען גע־ווארען פערשידענע סיבות, אבער די הויפט־סיבה איז געווען און בלייבט דאס פראבלעם פון איבער־פעלקערונג אין יאפאן. אין אנ'אנגעזעהענעם אמע־ריקאנישען חודש־זשורנאל געפונען מיר אנ'אביעק־טיווע אפשאצונג וועגען די סיבות פון דער איצטי־גער יאפאנישער אקציע אין מאנדזשוריען. פון דא־זיגען ארטיקעל ווערט קלאר די היסטארישע טרא־געדיע, וואס העגנט איבער יאפאן, ווי אויך דער פער'כישופטער קרייז פון די רעגירונגס־בעמיהונגען וואס שטרעבען זי צו בעזייטיגען.

אין אנהויב פון דער „מערדזשי ערא", ד. ה. אין דער צייט, ווען יאפאן האט זיך אנגעהויבען צוצופאסען צו דער מערב־אייראפעאישער קולטור, האט יאפאן בעהאט דרייסיג מיליאן איינוואוינער. מען האט דאן אנגעהויבען איינצופיהרען די ערא־בערונגען פון דער אייראפעאישער טעכניק און ציו־ויליזאציע. גרויסע מאסען פון דער דארפישער בע־פעלקערונג האבען צוגעשטראמט אין די ניי־געשא־פענע אינדוסטריע־צענטרען און עס איז ענטשטאנען דער שטאטישער פראלעטאריאט. די צאהל ארביי־טער איז פון יאהר 1890 ביז 1925 געשטיגען אויף דרייפאך, בעת די דארפישע בעפעלקערונג האט זיך פערגרעסערט נאר אויף 7 פראצענט, בכלל האט זיך פון 1875 ביז 1914 די בעפעלקערונגס־צאהל אין יאפאן פערגרעסערט אויף צווייפאך. די דאזיגע ערשיינונג איז אין יאפאן אויפגענומען געווארען מיט צופרידענהייט, ווייל עס האט קאדרען ארביי־טער פאר דער זיך שנעל ענטוויקלענדער איני־דוסטריע. אין 1925 איז אבער דער אינדוסטריע־מארק געווען פולשטענדיג בעזעטיגט מיט ארבייטער און גלייכצייטיג מיטן איינפיהרען פון דער מאדער־נער אייראפעאישער מעדיצין און היגיענע איז די שטערבליכקייט געפאלן ביז צום זעלבן שטאנד ווי אין אייראפא בעת דער צוואוקס פון דער בע־פעלקערונג איז ווייטער פארגעקומען לויט דער „מזרח"־מאסשטאב. אין 1932 האט דער נאטירלי־כער צוואוקס בעטראפען איבער א מיליאן נפשות און לויט דעם דאזיגען מאסשטאב וועט יאפאן הא־בען אין 1950 א בעפעלקערונג פון 78 מיליאן.

די דאזיגע ציפערן בעווייזען, אז אין משך פון 15 יאהר וועט אין יאפאן צוקומען יעהרליך א מיליאן נפשות, וואס מען וועט דארפען דער־נעהרען און 250 טויזענד קאנדידאטען אויף ארבייט, און דאס אין א לאנד, וואס האט אויף איין קוואדראט קילאמעטער ערד 959 איינוואוינער. דער דאזיגער אונגעהערטער צוואוקס בעשווערט דאס לעבען, שאפט קאדרען ארבייטסלאזע אין די שטעט און פעראַרימט פולשטענדיג דאס דארף. דער קאמף וועגען עקזיסטענץ נעהמט אן אלס שארפערע פארמען.

לעצטענס האבען אויף 465 ערטער אין דער מיליטערישער אקאדעמיע קאנדידירט 10,000 פערזאן און וועגען 11 ערטער אין דעם דיפלא־מאטיש־קאנסולארישען דינסט האבען געקעמפט 300 אבסאלווענטען פון העכערע שולען.

זייט 20 יאהר זוכט שוין די יאפאנישע רעגירונג אנ'אויסוועג פון דער דאזיגער לאגע, עס זענען אנגעווענדעט געווארען פיר מיטלען.

דאס ערשטע — די רעגולירונג פון די געבורטען. דאס דאזיגע איז אבער שנעל אפגע־ווארפען געווארען, ווייל די בעפעלקערונג האט זיך, צוליב רעליגיעזע טעמים, בעצויגען אזוי פיינדליך דערצו, אז מען האט עס גארנישט געפרובט אנווענדען.

דאס צווייטע מיטעל — עמיגראציע. צו ערשט האט מען געלעגט דערויף גרויסע האפנונ־גען, לעצטענס איז אבער די לאגע נישט קלאהר די יאפענער עמיגרירען נישט גערן און עס איז זיי שווער צו געפינען א לאנד וואו זיי זאלען זיך פיהלען גוט. די פעראייניגטע שטאטען און ענגלאנד האבען פערשלאסען די טויערן פון זייערע לענדער פאר דער יאפאנישער אימיגראציע און די אנדערע לענדער טוען נאך זייער ביישפיל. די יאפאנער זענען, וואס אנ'אמת אנ'ערנסטער קאנקורענץ פאר די איינגעבוירענע ארבייטער. אפילו די עמיגראציע קיין קארעא האט פערפיהרט, ווייל עס איז פעסט־געשטעלט געווארען, אז זייט 1910 איז די צאהל יאפאנער, וואס האבען עמיגרירט קיין קארעא גלייך צו דער צאהל קארעאנער, וואס זענען אנגע־קומען קיין יאפאן.

דאס דריטע מיטעל איז בעשטאנען אין פערבעסערן די לאנדווירטשאפטליכע מעטאדען, פערגרעסערן די שטחים בעארבייטען באדען, אבער די פערספעקטיווען אויף דעם געביט זענען נישט בעדייטענד. עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז ביי דער גרעסטער אנשטרענגונג וועט מען קענען יעהרליך פערגרעסערן דעם פערזייה־שטח אויף 75 טויזענד אקער, בעת בכדי צו דערנעהרען דעם יעהרליכען צוואוקס דארף מען האבען מינדעסטענס 142 טויזענד אקער.

עס בלייבט דעריבער איבער דאס פירטע און דערוויל לעצטע מיטעל דערפיהרען די אינ־דוסטריאליזירונג פון לאנד צום העכסטען פונקט, שאפען פון יאפאן איין גרויסע אוניווערסאלע פאב־ריק, אין וועלכער איהר גאנצע ארבייטסלאזע בעפעלקערונג צוזאמען מיט דעם צוואוקס, זאל געפינען בעשעפטיגונג. אבער בכדי צו שאפען אזא „פאבריק" און אז זי זאל פראספערירען, זענען נויטיג שטענדיגע אפנעהמער, גרויסע טעריטאריעס, בעוואוינט פון א בעפעלקערונג, וואס זאל אויף אזא אדער אנדערן אופן זיין געצוואונגען צו קויפען די יאפאנישע פראדוקציע. פון דאנען נעהמט זיך דער מקור פון דער יאפאנישער אג־רעסיע אויפ'ן וויטען מזרח בנוגע מאנדזשוריען, מאנגאליען, צפון כינא און אפשר אויך דעם סאוו־יעטישען וויטען מזרח. די פאליטישע אנעקסיעס, וואס זענען שוין געמאכט געווארען ווי אויך די פלענער, וואס געפינען זיך איצט אין סטאדיום פון פערווירקליכען, דאס אלץ איז א רעזולטאט פון די ווירטשאפטליכע סבות. דעריבער קען מאנד־זשוריען בלייבען אונאפהענגיג און האבען א קייזער דעריבער קומט פאר די אויפבויאונג פון א אונ־אפהענגיג מאנגאליען א. אז. וו. די אלע לענדער קענען זיין „פריי און אונאפהענגיג" נאר אונטער דעם בעדינג, אז יאפאן וועט דארט האבען דעם מאנאפאל אויף דעם האנדעל.

און עס האנדעלט זיך נישט נאר וועגן אפ־נעהמער פון די יאפאנישע סחורות, נאר אויך וועגן רויה־שטאפען. די יאפאנישע רויה־שטא־פען דעקען נישט אפילו דעם איצטיגען בעדארף פון דעם לאנד, היינט ווער שמועסט נאך, אז עס וועט פערווירקליכט ווערען דער גיגאנטישער פלאן פון דער אינדוסטריאליזירונג. לויט די ציפערן פון אמעריקאנישע זאכקענער, וועלען די זאפאסען קויהלען אין יאפאן, ביי א אינדוסטריאליזירונג נישט העכער ווי דייטשלאנד, לאנגען נישט מעהר ווי אויף 40 יאהר. יאפאן מוז שוין איצט אלץ אימפארטירען, עס איז דעריבער פערשטענדליך, אז די נאטירליכע רייכטימער פון מאנדזשוריען און צפון כינא זענען פאר איהר א זעהר געשמא־קער ביסען.

א כאראקטעריסטיש בילד פון די בעצי־הונגען אויף די דייטשע הויכשולען

ברעסלויער נאצי־סטודענטען ווארפען אפ דעם פארוואורף, דאס זיי זענען צו ווינציג אנטיסעמיטיש

ב ר ע ס ל וי, (יט"א) אין צוזאמענהאנג מיט א נאטיץ אין א מערב־דייטשער צייטונג א. ק. „פעריודישטע צושטאנדען אויף דער ברעסלויער אוניווערזיטעט" איז אין דער „נאציאנאל־סאציאליסטישער שלעזישער טאגעסצייטונג" ערשי־נען אנ'ערקלערונג פון פיהרער פון נאציאנאל־סאציאליסטישען סטודענטען־בונד, אין וועלכער עס ווערט צוו. אנד. געזאגט:

די סטודענטענשאפט פון דער אוניווערזיטעט האט אונטער דער פיהרונג פון נאציאנאל־סאציאליסטישען סטודענטען בונד אין שווערסטען קאמף דערגרייכט, אז דער גרעסטער טייל פון די אין דעם ארטיקעל אויסגערעכענטע יודען זענען שוין לאנג פערשוואונדען פון דער קאטעדער.

פון די אויסגערעכענטע יודישע פראפעסארן פרענקעל, יעסנער, ווינטערשטיין, פוקס, פראוסניץ ריסער און טאובמאן איז איצט טעטיג נאר פראף. יעסנער. אלע אנדערע זענען שוין לאנג בעזייטיגט פון פראפעסארען־קאלעגיום פון דער אוניווערזי־טעט. עס איז אויך נישט ריכטיג דער פארוואורף, אז די נאצי סטודענטען זאלען שטעלען א שוץ וואך ביי א יודישען פראפעסאר. אין דער אמת'ן האט די זיכערהייטס דינסט פון די נאצי סטודענ־טען געזארגט דערפאר, אז קיין שום דייטשער סטודענט זאל נישט זיין אנוועזנד אויף די פאר לעזונגען פון דעם בעטרעפענדען הער. שלעזישע סטודענטען שטעהען אויף דער וואך, ווען עס האנדעלט זיך וועגן רייניגען זייערע הויכשולען פון פאלקספרעמדע עלעמענטען".

שוין געווען אמאל...

פון דר. א. מוקדוני.

דער היטלעריזם איז ביי אַלעמען אַ חידוש און אַ רעטעניש.

מען טוט זיך מע חידושט זיך אויפ'ן דייטשן פאָלק, מען טאָר און מען קוועטשט מיט די פּלייצעס — ווי וואָרט אַזאַ קולטורעל פאָלק פלוצלונג אַזוי פינסטער, אַזוי רויה, אַזוי ווילד און אַזוי משוגעת'דיג אָפּגעשטאַנען? ווי שפרינגט אַריבער דאָס קולטורעל פאָלק אין אַ רגע ממש, צוריק אין חושכ'דיגן מיטעלאַלטער? ווי אַזוי לאָזט זיך דאָס קולטורעל פאָלק פירען פון אַ באַנדע אומ־היסטערישע און גוילישע אויסוואורפן און וואַלד־מלכים?

ווי אַזוי?

אַט דאָס דאָזיגע זאַכעניש איז אַוועק איבער דער וועלט ווי אַ קראַנקע מטבע, קינדער אין די וויגן ווייסן עס שוין געוויס: דייטשלאַנד איז אַ גרויס פאָלק, אַ קולטורעל פאָלק, אָבער עס האָט דעם דאָזיגן גרויסן און קולטורעלן פאָלק גע־טראָפן אַ גרויס אומגליק.

איז דאָס אמת'ן איז דער היטלעריזם אַ גע־וועלטליך קינד פון דעם דייטשן גענויס. היטלער טוט אייגענטליך און קאָפּירט די היטלערס, וואָס זענען געווען פאַר איהם.

דאָס דייטשע פאָלק ברענגט אויף דער וועלט מיט דער טיפישער דייטשער פּינקטליכקייט, אַ היס־לעריזם אין אַ בעשטימטער פּאָליטישער צייט.

נאָך יעדער דערכגעפאַלענער מלחמה, נאָך יע־דער מפלה ווערט דאָס דייטשע פאָלק מעוברה מיט אַ היטלעריזם און ברענגט איהם אויף דער וועלט ריכטיג צו דער צייט.

מען קען דערכגעהן די גאַנצע דייטשע געשיכ־טע און טיילען מיט די פינגער אויף די היטלערס, וואָס דאָס דייטשע פאָלק האָט געהאַט אין בע־שטימטע צייטען.

באַלד נאָך דעם ווי נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט זיין גרויסע מפלה אין רוסלאַנד און אָפּגעריינגט די פאַרנומענע דייטשע פּראָווינצן איז געווען אַ גלח און געהייסען האָט ער יאַן פאַטער יאַן.

געהייסען איז ער אוגוויסענד, גראָב און בלוט־דאַרשטיג ווי דער היינטיגער היטלער, און האָט ממש באַגייסטערט דאָס דייטשע פאָלק מיט זיין היסטערישן, ברוטאַלן און גזלנ'ישן נאַציאָנאַ־ליזם.

דער דאָזיגער דאַרפישער גלח האָט ערקלערט, אַז דייטשע לאַנגע, צעקוהעלטע האָר זענען ווייס גע־וואָרן פון עגמת־נפש און שאַנדע אין דעם טאָג, ווען די שטאָט ירנא איז געפאַלען און די פראַנ־צויזען האָבן זי פאַרנומען.

דער דאָזיגער גלח האָט געפּרעדיגט צו אויפּ־לעבן דעם אַלטן, שטאַרקן טעטאָניזם, דאָס אַל־טע דייטשע „פאָלקסטום“.

דער דאָזיגער גלח האָט געפאָדערט, אַז דייטש־לאַנד זאָל זיך בעוואָפענען שטאַרק, שטאַרקער פון אַלע פעלקער, פונ'ם דאָזיגן דאַרפישן גלח שטאַמט דאָס ווערטעל „געהרלאָז (אָהן געוועהר), פעהרלאָז“ (אָהן עהרע).

אין דייטשלאַנד איז קיין מאָל דער געלערנ־טער, דער דיכטער און דער גרויסער אינטעלי־גענט נישט געווען דער פיהרער; דער דאָזיגער גלח יאַן, האָט אַריינגעשריגען אין די מוחות פון די דייטשן, פלאַכע, באָרישע און אומגעלומפּערטע נאַ־ציאָנאַליסטישע געדאַנקען, אָבער ווייל זיי זענען געווען נאַציאָנאַליסטישע געדאַנקען, זענען זיי גע־ווען ליב און טייער דעם דייטשן פאָלק.

דער דאָזיגער גלח יאַן האָט זיך געטראָגן איי־בער דייטשלאַנד ווי אַ שטורם, האָט געדונערט ווי אַ בעזומענער און געפּרעדיגט מיט פייער דעם פינסטערן און בלוטיגסטן נאַציאָנאַליזם, אָדער ריכטיגער, טעטאָניזם.

ער האָט אָרגאַניזירט די דייטשע יוגענט מילי־טעריש אונטער דעם שירם פון ספּאָרט, ער האָט איינגעשטעלט אין די אָרגאַניזאַציעס פון דער דיי־טשער יוגענד אַ ספּאַרטאַניש־מיליטערישע דיסציפּ־ליך, דאָס האָט געהייסן „פאַרטיכטיגונג“ פון דער יוגענט.

אין אַ קורצער צייט האָט ער געהאַט הינטער זיך אַ גרויסע אַרמעע פון יונגע דייטשן און איז געוואָרן דער געזאַלבטער פיהרער.

„דער יונגער דייטש האָט געמוזט גיהן אין איינעם פון פאַטער יאַנס חברות ועלטערן האָבן גע־שיקט זייערע קינדער טיילווייז אויס מורא פאַר די שכנים און דער עיקר אויס מורא פאַר זייערע קינדערס חברים.

דער גלח יאַן האָט געהאַלטן, אַז דייטשן זע־נען די אויסדערוועהלטע, די געבוירענע הערשער פון דער וועלט.

דער עיקר האָט דער דאָזיגער גלח געציטערט איבער דעם דייטשן גייסט, אַז ער זאָל זיך, חלילה נישט אָנשטעקן מיט די שלעכטע, קראַנקע אידעען פון די פראַנצויזען און סתם פון פרעמדע.

ער האָט געוואָלט אַרומצוימען דייטשלאַנד מיט אַ כינעזישער וואַנט, אַ דייטש זאָל נישט מאַ־כען קיין רייזעס אין אויסלאַנד און קיין אויסלענ־דער זאָל נישט אַריינקומען אין דייטשלאַנד.

שפּעטער איז ער נאָך געגאַנגען ווייטער. ער האָט פאָרגעשלאָגן צו פלאַנצען ביי די גרעניצען געדיכטע וועלדער און פערדייהן זיי מיט גרויסע שטיינער, אַז קיינער זאָל נישט קענען אַדורך די גרעניצען, און כדי צו זיין נאָך זיכער, אַז קיין דייטש זאָל נישט אַריבער די גרעניץ קיין אויס־לאַנד, און אַז אַן אויסלענדער וועט נישט אַריבער ד' גרעניץ קיין דייטשלאַנד, האָט ער פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל האַלטן אין די וועלדער ביי די גרע־ניצן, ווילדע, צובעדיגע חיות...

דער דאָזיגער אומוויסענדע גלח איז געוואָרן, ווי געזאָגט, דער געזאַלבטער פיהרער, דער אויס־לייזער פון דייטשן פאָלק.

געלערנטע פּראָפעסאָרן האָבן געווידמעט זייע־ערע ווערק דעם דאָזיגן אויסלייזער, דיכטער האָבן געווידמעט דייערע לידער דעם דאָזיגן משיח, אוני־ווערזיטעטן האָבן איהם געגעבן דאָקטאָר־טי־טולען און מען האָט איהם געקרוינט פאַרן צווייטן לוטער.

פאַר יידען איז דאַן דייטשלאַנד געוואָרן אַ גיהנום. מען האָט געשלאָגן יידען אין די גאַסן און אין עפנטליכע שטעט זענען אויך פאָרגעקומען פּאָגראָמען.

יידען האָבן זיך געקענט ראַטעווען בלויז דורך שמד. אין יענער צייט האָבן זיך היינריך היינע, לודוויג בערנע א. א. געראַטעוועט דורך שמד.

דער גלח יאַן האָט אויך אַריינגענומען אין זיין פּראָגראַם עפּעס פון סאָציאַליזם (ריכטיג ווי דער היינטיגער היטלער), אויב דאָס איז געווען זיין אומגליק, די רייכע האָבן זיך דערשראָקן און האָבן זיך גענומען אונטערגראָבן איהם.

אָבער דעם טויט־קלאַפּ זייעם האָט דער דאָ־זיגער היטלעריזם אין דעם אַנהויב פון אַכצעהנטן יאָהרהונדערט, בעקומען פון דעם בעוואוסטען מע־טערניך, דעם היטער פון „הייליגן אַליאַנס“, וואָס האָט געוואַכט איבער דער רעאַקציע פון אייראָפּא. מעטערניך האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל אַרעס־טירען דעם גלח, מען האָט געמוזט פאָלגען מע־טערניכען און דער גלח איז אַזוי לאַנג געהאַלטען געוואָרען אין תפיסה, ביז זיין בעוועגונג איז אויס־געלאָשען געוואָרען און מען האָט איהם פערגע־סען.

* * *

ביי די דייטשע היסטאָריקער איז עס קיין נייעס נישט, אַז אַ נאַציאָנאַליסטישער דייטשער היס־טאָריקער ווי קע, למשל, האָט כסדר וועגען די ווילדע אויסברוכען פון דעם דייטשן נאַציאָנאַליזם. דער דייטשער נאַציאָנאַליזם, שרייבט טרייטשקע, איז אַלע מאָל ברוטאַל און גרויליג.

און עס איז אוודאי נישט קיין צופאַל, וואָס די אַלע אויסלייזער הויבען אַן מיט מיליטאַריזם, מיט קאַזאַרמעס, און מיט מאַרשען.

אַלע רעוואָלוציאָנערע פערזוכען פון דער דיי־טשער אינטעליגענץ, פון די דייטשע אַרבייטער, זע־נען דורכגעפאַלען, זיי האָבן זיך אָנגעשטויסען אויף דער קאַלטער גלייכגילטיגקייט און אויף דער פערביסענער געגנערשאַפט פונ'ם דייטשן פאָלק.

אָבער אַלע נאַציאָנאַל - שאָוויניסטישע, אַלע וויסט־רעאַקציאָנערע תנועות האָבן כסדר געפונען הייסע אַנהענגער און פערברענטע חסידים.

דייטשלאַנד האָט זיך געשטעלט אויף די קני פאַרן וויסטן עם־הארץ, פאַרן אויסלענדער און פאַרן קליינקעפּעלדיגן מענשען.

ווייל ער האָט גערעדט צו זייער הארץ. ער האָט זיי געפּרעדיגט ווילדען, ברוטאַלען נאַציאָנאַליזם, ווייל ער האָט ביי זיי ממש די ווערטער פון מויל אַרויסגענומען, ווייל ער האָט זיי ממש וואָרט ביי וואָרט צוגעטראָפען.

דאָס דייטשע פאָלק אויף דער וועלט איז נאָך דורך און דורך פּרימיטיוו, עס איז נאָך פערבאַפּט פון דעם אור־אַלטן נאַציאָנאַליזם, פון דעם סאַ־מע פּרימיטיווען, רויהען און זאָאָלאָגישען שאָווי־ניזם.

דער דייטש מיט זיין קאַנט, מיט זיין געטע, מיט זיינע אַלע אַנדערע גרויסע דענקער, דיכטער און וויסנשאַפטס מענשען, איז דער פּרימיטיווסטער מענש אין אייראָפּא.

אין אַלע לענדער קומען פאַר רעוואָלוציאָנס ריקווערטס.

אַזוי רויה, אַזוי פּרימיטיוו היטלעריסטיש קען קיין פאָלק נישט זיין.

דאָס קולטורעל דייטשע פאָלק האָט פערברענט ביכער אין די גאַסן, ביכער, וואָס זענען פער־גליווערטע שטיקער קולטור.

דאָס וועט קיין אַנדער, אָפּגעשטאַנען פאָלק נישט טון.

אין אַ פּנים די מעשה וועגען דער דייטשער קולטור־שקייט אַ באָבע־מעשה.

עקספּאָרט־מעגליכקייטן קיין ארץ־ישראל

וואַרשאַ. (יט"א) די פּויליש־א"י־דיגע האַנ־דעלס־קאַמער האָט בעקומען פאָלגענדע אָפּערטען פון א"י:

1) אַן אַגענטור־הויז אין א"י זוכט צושטעלער פון טרוקענע שוואָמען.

2) אַן אָפּערטע אויף יודישע דרוק שריפט.

3) אַן א"י־פירמע אינטערעסירט זיך מיט דעם אימפּאָרט פון פערשידענע שניידער־צודאַטען.

4) אַן א"י־פירמע אינטערעסירט זיך מיט'ן איינ־קויף פון אַ גרעסערע פּאַרטיע לייך־גאַרן און פאָדים. נעמט אויך איבער פערטרעטונג פון פּוילישע פאַב־ריקען פון בוימוואָלענע, לייבענע און וואָלענע פאָ־דים, קונסט־זייד און טעקסטיל־אויסאַרבייטונגען.

5) אַן אימפּאָרט־פירמע אין א"י וועט איבער־נעמען פערטרעטונג פון פּוילישע פאַבריקען פון שפּאַגאַט (בענדערס פאַר טאַפּעציר־ער), טאַפּעציר־שפּרינגען־עס, פּלעשלעך און פּלאַקאַטן צו פאַר־קויפען.

6) אַ גרויס אַגענטור־הויז אין תל־אביב זוכט צושטעלער פון געוואַלצעוועטן אייזען.

7) אַ גרעסערע פירמע אין תל־אביב זוכט צושטעלונג פון צווי ביז דריי טויזענד טאָן פּאַק־פּייטלען־פּאַפּיר.

8) אַ קאָנסערווען־פאַבריק אין פּתח־תקוה אינ־טערעסירט זיך מיט דער צושטעלונג פון רעשט און זויערע עפּל (מיט ווייסער הויט), ווי אויך פּעסלעך פון האַרטן בוק־האָלץ דעמב־האָלץ (200 ליטער).

9) אַ פאַבריק פון פּאַסקעס אין תל־אביב אינ־טערעסירט זיך מיט דער שטענדיגער צושטעלונג פון קלאַמערס פון מעטאַל, גאַלאַליט און עבאָניט.

נעהנטערע אינפאָרמאַציעס ערטיילט דער האַנ־דעלס־רעפעראַט פון דער פּויליש־א"ידיגער האַנ־דעלס־קאַמער, וואַרשאַ, פּרעדרי 10

Dr. Wołkowyski

האָט זיך איבערגעצויגען אויף

ציגעל־גאַס 11, טעל. 238-02

נעמט אָן אין הויט- און ווענערישע קראַנקהייטן, מענער־שוואַכע

נעמט אָן פון 8–11 בייטאָג און פון 4–9 אָוונט.

GABINET KOSMETYCZNY
I. NAMIOTOWEJ
ul. Narutowicza 11 front, I piętro
przyjm.: 10–3 i 5–8.
Masaż twarzy, maquillage,
trwałe przyciemnianie
brwi i rzęs, usuwanie
brodawek oraz zbędnego
owłosienia.
Porady bezpłatne.
Ceny przystępne.

גאלד און טויט

מערקווירדיגע געשיכטע פון אַ מערדעריז און איהר בלוטיגער סוף

7

פון י. עסטערזאן

ווען מען האָט אָנגעהויבן נישטערן אין דער חורבה, האָט מען געפונען די פערברענטע קערפּערס פון די דריי קינדער און אויך דעם קערפּער פון אַ פרוי. וועד די פרוי איז געווען, האָט מען נישט געקאָנט דערגעהן, ווייל איהר קאָפּ איז געווען אָפּ־געהאַקט, און מען האָט דעם קאָפּ נישט געקאָנט געפינען.

עס איז געווען קלאָר, אַז אַ מאָרד איז געשעהן איידער דאָס פייער איז אויסגעבראָכען. עס איז אויך געוואָרען קלאָר, באַלד ווי אַ מעדיציניש אויס־פאָרשונג איז געמאַכט געוואָרען, אַז די דריי קינ־דער זענען דערהרג'עט געוואָרען מיט אַ האַק, איידער זיי זענען פערברענט געוואָרען.

דער פערדאַכט איז, זעלבסטפערשטענדליך, גלייך געפאַלען אויף ביל לאַמפיר, דעם פאַרם־אַרבייטער פון בעלאַ, וועלכער האָט די לעצטע טעג נישט געאַרבייט, ווי געוועהנליך, אויף דער פאַרם.

לאַמפיר האָט געלייקענט שטיין און ביין, ער האָט בעהאַנט, אַז ער איז גאָר דאַן, ווען דער פייער האָט אויסגעבראָכען, געווען אין טעאַטער אין לאַ־פּאָרט. ער האָט אַפילו פּרובירט איבערצייגען די פּאָליציי, אַז דער קערפּער פון דער פרוי איז נישט בעלאַ'ס.

„עס קאָן זיין“, האָט ער געזאָגט, „אַז בעלאַ איז משוגע געוואָרען און האָט פלוצים דערהרג'עט אַלע איהרע דריי אייגענע קינדער, און אויך דער־הרג'עט אַ פרוי, וועלכע איז געקומען איהר בע־זוכען. בעלאַ אַליין“, האָט ער געזאָגט, „איז וואַרשיינ־ליך ערגעץ וואו אַנטלאָפען“.

געהיים־פּאָליציסטן האָבן באַלאַנגער גע־זוכט אין די רואינען פון דעם פערברענטן הויז און אויך פון דעם גרויסן שייער, וואָס איז אויך אַרומ־גער אין די פלאַמען, און מען האָט געפונען אַ טייל פון דעם קאָפּ.

אַ דענטיסט פון לאַפּאָרט האָט אויף זיכער פעסטגעשטעלט, אַז די ציינער זענען פון בעלאַ'ן; איך עס דעריבער שוין מעהר קיין צווייפעל נישט געווען, אַז בעלאַ מיט די דריי קינדער זענען פון עמיצן דערמאָרדעט געוואָרען.

די גאַנץ אַרום ביל לאַמפיר'ן איז געוואָרען ענגער. און ענדליך האָט לאַמפיר זיך מודה געווען, אַז ער האָט אונטערגעצונדן דאָס הויז און דעם שייער; אָבער ער האָט פערזיכערט, אַז ווען ער האָט דאָס געטון, זענען שוין בעלאַ און איהרע דריי קינדער געווען טויט. ווער עס האָט דעם מאָרד בעגאַנגען, האָט ער נישט געוואוסט.

אַזוי ווי קיין אַנדערע בעווייזען זענען געגען איהם נישט געווען, איז לאַמפיר פער'משפט געוואָרען אויף צוואַנציג יאָהר געפענגעניש.

ער האָט אָבער אַפילו קיין צוויי יאָהר נישט אויסגעהאַלטען אין געפענגעניש. עפּעס האָט שטאַרק געדריקט אויף זיין נשמה. ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון מיט זיך אין געפענגעניש. ער פלעגט צייטענווייז וויינען היסטעריש און עס זענען אַוועק וואָכען, וואָס ער האָט נישט פערמאַכט קיין אויג.

ער האָט געקראָגען אַ געפעהרליכע האַרץ־קראַנקהייט און אַ זעהר הויכען בלוט־דרוק, און איינמאָל, נאָך אַ זעהר שווערע האַרץ־אַטאַקע, האָבן דאָקטוירים איהם דערקלערט, אַז זיין צושטאַנד איז אַ גע־פעהרליכער, אַז ער קאָן לאַנג נישט לעבען.

האָט לאַמפיר אַריינגערופען צו זיך דעם גלח און איהם געזאָגט, אַז ער וויל זיך מודה זיין פאַר איהם איידער ער שטאַרבט.

„איך האָב דעם מאָרד בעגאַנגען“, האָט ער געזאָגט. „איך האָב דערהרג'עט נישט נאָר בעלאַן, נאָר איך האָב אויך דערהרג'עט איהרע דריי קינדער, און דערהרג'עט האָב איך זיי אויף דעם זעלבען אופן, ווי בעלאַ האָט דערהרג'עט צענ־דליגער אַנדערע מענשען.

„פּאַסירט האָט דאָס פלוצלינג. איך האָב ווע־גען דעם נישט געטראַכט. זי האָט מיך געצוואונגען אַז איך זאָל איהר העלפען דערמאָרדען צוויי מאַ־נער, נאָך דעם ווי זי האָט געוואוסט, אַז איך ווייס איהרע פערברעכענס. איך האָב פאַר איהר שרעק־ליך מורא געהאַט. איך האָב געוואוסט, אַז זי וועט אויף מיר קאָנען מאַכען אַ בלבול, אויב זי וועט גאָר וועלען, און מען וועט מיך אָנקלאָגען אין מאָרד און הענגען, און איך האָב אויך מורא געהאַט, אַז אויב איך וועל וואוינען מיט איהר, וועט זי מיך פערסמ'ען.

„איינמאָל האָט זי געוואָלט, אַז איך זאָל איהר העלפען ערמאָרדען אַ היימען מאַן. ער איז געקו־מען פון סעינט לואי, מיזורי. ווען איך האָב זיך ענט־זאָגט, האָט זי איהם אַליין דערהרג'עט, און דער־נאָך זיך אַ וואָרף געטון מיט דער האַק אויף מיר. איך האָב איהר אונטערגעשטעלט אַ פוס.. זי איז געפאַלען און די האַק איז אַרויסגעפאַלען פון איהר האַנט. אַט דאַן האָב איך עפּעס דער־פיהלט אַ משוגעת אין מיין קאָפּ. איך האָב זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטען. עפּעס מיט אַ ליידנשאַפט־ליכקייט, מיט אַ מאָרדעם לוסט האָב איך זיך אויף איהר אַרויפגעוואָרפען און זי דערהרג'עט, און נאָך דעם אויך דערהרג'עט איהרע דריי קינדער. איך האָב געוואָלט, אַז אַפילו קיין סימן זאָל נישט איבער־בלייבען פון איהר און פון איהר פאַמיליע. אַלץ, אַלץ, האָב איך געפיהלט, מוז אָפּגעמעקט ווערען דורך פלאַמען.

„איצט בין איך גרייט צו געהן אויף יענער וועלט. איך וויל נאָר, אַז איהר זאָלט לאָזען וויסען דער פּאָליציי, אַז זי זאָל אויסגראָבען דעם בלומען־גאָרטען, ווייל דאָרט מוזען זיין בעהאַלטען אַ סך סודות“.

און די פּאָליציי האָט געפונען אַ גאַנצען בית־עולם אויף דעם פּלאַץ, וואו עס איז געווען דער בלומען־גאָרטען. די מעיסטע קערפּערס האָט מען קיינמאָל נישט געקאָנט דערקענען, אָבער עטליכע פון זיי האָט מען דערקענט. איינער פון די איז געווען דער מאַן מיט'ן זייגער'ל, וואָס בעלאַ האָט פערגעסען איהם אַרויסצונעהמען פון זיין וועסט.

„אַט דאָס איז די שרעקליכע געשיכטע פון בעלאַ גאַנעס“, האָט דער פּאָליציי־לייטענאַנט ט. געזאָגט; „עס איז די שרעקליכסטע געשיכטע, וואָס איך האָב ווען עס איז זיך דערוואוסט אין פער־לויף פון מיין לאַנגער פּאָליציי־פּראַקטיק אין אַמעריקע“.

די צוויי פרויען, וועלכע האָבן אַזוי שטאַרק געטענה'ט, אַז עס קאָן נישט געמאָלט זיין, אַז אַ פרוי זאָל זיין אַזוי ברוטאַל ווי אַ מאַן, זענען געזעסען ווי פערגליווערטע. קיינמאָל האָבן זיי זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלען אין זייער פאַנ־טאַזיע, אַז אַזעלכעס זאָל גאָר קאָנען פּאַסירען אויף דער וועלט.

עס איז שוין געווען פאַרטאָג. די מערסטע מענ־שען פון דעם רעסטאָראַן זענען שוין אַוועק אַהיים. איך האָב זיך אויפגעהויבען פון מיין שטוהל און האָב געזאָגט צום לייטענאַנט ט.:

„איך דענק, אַז איהר זייט גערעכט, ווען אַ פרוי איז גוט, איז זי בעסער פון דעם בעסטען מאַן; אָבער ווען אַ פרוי איז שלעכט, איז זי ברוטאַלער פון דער ברוטאַליסטער אַליין“. (סוף)

האנדווערקעריי און האנדעל

אויף דער וואך

דער לעצטער פּרוּב

מאנכסמאל כאפּט זיך שוין אריין א יאוש און ס'ווילט זיך א מאך געבען מיט דער האנד אויף דעם גאנצען ענין.

און טאקע צו וואס? ווען אלץ וואס מען שרייבט וועגן פאראייניגען די יודישע האנד־ווערקער אין לאדז איז ווי אנ'ארבעט אין וואנד. נישט דערפאר וואס די פראגע איז נישט אקטועל. נישט דערפאר וואס ס'זענען פאראן אזעלכע, וועלכע אנערקענען נישט די נויטווענדיגקייט פון דער דאזיגער פאראייניגונג, נאר פשוט דערפאר ווייל אויף דעם ענין פון פאראייניגען די יודישע האנדווער־קער־באוועגונג אין לאדז הענגט עפּיס א פּאטום, וועלכער דערלאזט נישט בשום אופן, אז דער ענין זאל זיך ריהרען פון ארט, א פאטום, וועלכער צו־שטערט דעמאלט, ווען ס'וואלט זיך געקענט אויס־דוכטען, אז אט, אט קומט דער אויסגעחלומטער מאמענט.

מיר שרייבען נאכאמאל וועגען דער דאזי־גער פראגע, ווייל נאך דעם אינטערוויאו מיט'ן פּרעזעס פון דער האנדווערקער־עקספּאזיטור אדוו. ווייצמאן אין דער פראגע און נאך דעם ענטפער וואס האט אויף דעם דאזיגען אינטערוויאו געגעבען דער צענטראלער האנדווערקער־פארבאנד — זעהען מיר נישט קיין שום פּרינציפּיעלע, זאכליכע און קאנ־קרעטע שטערונגען צו דער פאראייניגונג. קיין שום פארבעהאלט נישט פון קיין שום צד, קיין שום בעדינגונגען. קיין שום פאדערונגען נאר... די צדדים קענען זיך נישט צונויפרעדען. ביי די די־רעקטע צוזאמענטרעפען פון די צדדים קען נישט אויסגעמיטען ווערען, אז איינער דעם אנדערען זאל נישט דערמאהנען קיין אלטע חטאים, ס'קען נישט אויסגעמיטען ווערען קיין פּערזענליכע ענינים און צו דעם עצם זאך קען מען נישט צוקומען.

מוז דעריבער געפינען ווערען אזא אויסוועג, וואו די צדדים זאלען נישט דארפען דירעקט צווי־שען זיך דיסקוטירען, און די פאראייניגונג זאל דאך פארקומען. אזא קאנצעפּציע קען נאר פארווירקליכט ווערען ווען די פאראייניגונג וועט אין איצטיגען מאמענט פארקומען דורך א געזעלשאפטליכען אר־ביטראזש. מיר וועלען אונזער פארשלאג מאכען גאנץ קאנקרעט. ס'ווערט בעשטימט אנ'ארביטראזש־קא־מיסיע פון פינף אנגעזעהענע, אביעקטיווע און צו־פרידענע געזעלשאפטליכע טוער, וועלכע זענען גלייכצייטיג גוט בעקאנט אין דער יודישער האנדווערקער־באוועגונג. די דאזיגע ארביטראזש־קאמיסיע ארבייט אויס א פאראייניגונגס פלאטפארם, וועלכער ווערט צוגעשיקט ביידע צדדים, וועלכע האבען דאס רעכט צו מאכען אויסבעסערונגען און פארשלאגען צו דער פלאטפארם, די צדדים האבען אויך דאס רעכט ארויסצושיקען זייערע פארשטעהער צו דער קאמיסיע, כדי מינדליך צו פארטיידיגען זייערע אויסבעסערונגען און פארשלאגען. די קא־מיסיע בעטראכט דאן נאכאמאל זייער פלאטפארם מיט די אויסבעסערונגען און שטעלט שוין פעסט א געוויסען פראיעקט: די קאמיסיע רופט דאן צונויף די אלגעמיינע פערזאמלונגען פון ביידע צדדים, וועלכע דארפען אננעהמען די פלאטפארמען.

מיר האבען שוין אפילו אנגעצייכענט די נעמען פון די פינף פאראויסגעזעהענע מיטגלידער אין דער קאמיסיע. מיר וועלען זיי אבער פער־עפענטליכען נאר דעמאלט, ווען ביידע צדדים וועט לען מסכים זיין אויף דער קאנצעפּציע פון ארביט־ראזש, כדי ענדליך צו פאראייניגען די צובראכענע יודישע האנדווערקער־באוועגונג אין לאדז.

י. דאנסין

מלאכה און בעל־מלאכה'ס אין דער אלטער יודישער עטיק

פון משה זאבלודאווסקי.

ס'געהערט שוין ווייט, ברוך השם, צו די טרויעריגער פערגאנגענהייט, דער בעריהמטער זיך „אז אין מיין משפחה זענען נישטא קיין שוסטערס און קיין שניידערס". ס'לוינט זיך אבער צו פער־טראכטען איבער דער פראגע, צי אין די בזיונדיגע בעציהונג צו ארבייט — וואס האט געהערשט ביי אונז אין נאהענטע עבר — א ספּעציפישער כאראק־טער־שטריך פון יודישען פאלק, אדער נאר א טרוי־עריגער פועל־יוצא פון א פערקריפעלטען לעבען־שטייגער, און וועלכע אויסערליכע פאקטאָרען האָ־בען אונז געצוואונגען אנצונעהמען די אהער יענע שטעלונג צו פערשידענע לעבענס־פראגען.

איידער מיר טרעטען צו צו בעטראכטען די בעציהונג פון אמאליגען יודענטום צו ארבייט, דאר־פען מיר שענקען א פאר ווערטער א צווייטער פראבלעם, וואס האט א גרויסען שייכות צו אונזער ענין. דאס איז דאס פראבלעם פון קונסטשאפט. ביי אלע אמאליגע פעלקער אהן אויסנאהם זענען געווען קאסטעס, ד. ה. שטאנדען פון פרייע און קנעכט. די צאהל פרייע איז געווען זעהר קליין. אויף יעדען פרייען זענען אויסגעפאלען צומאל 6 קנעכט. מ'האט געגלויבט, אז די מענשען זענען איינגעטיילט פון גאט אליין אויף פרייע פון געבוירען און אויף געבוירענע קנעכט.

אריסטאטעלעס, דער גרויסער גריכישער פילא־זאף, שרייבט: דער מענש קען זיך נישט בעגיין אהן מכשירים צו דער ארבייט. געצייג זענען פאראן פערש'דענע: לעבעדיגע און נישט קיין לעבעדיגע. קנעכט זענען לעבעדיגע געצייג. אט אזוי ווערען די מענשען איינגעטיילט אין גופים און נשמות. פונקט ווי דער גוף קען זיך קיינמאל נישט בעפריי־ען פון זיין אונטערטעניגקייט דעם גייסט, אזוי איז דער קנעכט בעשאפען געווארען פון ספּעציעלער מאטעריע, וואס איז אונטערגעווארפען פולשטענ־דיג דעם ווילען פון פרייען, וועלכער איז בנוגע איהם, ווי די נשמה צום גוף.

עס איז אין פערשטענדליך, אז ביי אזא קוק אויף דער פערטיילונג פון מענשען, האט ארבייט נישט געקענט זיין געשעצט. דער בעל־מלאכה איז טאקי אין דער אלטער גריכענלאנד, למשל, געווען זעהר פערמיאוסט.

א גאנץ אנדערען קוק אויף מענשען, פרייע און קנעכט, געפינען מיר ביי אמאליגע יודען:

איוב זאגט: צי קען איך פערמיאוסען דעם משפט פון מיין קנעכט? דער וואס האט מיר בעשאפען, האט דאך איהם בעשאפען, פון דער זעלבער מאמעס לייב קומען מיר דאך ביידע ארויס.

מיט וואס וועל איך זיך פערענטפערען פאר גאט?!...

עס איז א פאקט, אז ביי יודען זענען קיין קנעכט פון איינגענעם פאלק כמעט נישט געווען, אלגעמאלס און דער צייט פון בית שני געפינען מיר זיי שוין נישט.

א „עבד עברי" האט בעשייט אנ'אנגעשטעלטער אויף זעקס יאהר. נישט מעהר. אויך אין דער צייט איז ער געווען פולשטענדיג פריי פון'ם אומבאגרעניצט און זיינע בירגערליכע רעכט.

א פערמדפעלקיגער קנעכט — עבד כנעני — האט אויך געהאסען פון אנ'אויסערגעוועהנליך הומאניטארער בעציהונג. מ'האט איהם נישט געטארט הרג'ענען און אפילו שלאגען, א קנעכט, וואס דער באלעבאס האט איהם געמאכט א פּיּישע פעהלער, איז תיכף בעפרייט געווארען. אויב דער קנעכט איז געפאלען טויט ביים שלאגען איהם, איז דער באלעבאס בעשטראפט געווארען מיט'ן טויט. א יוד האט נישט געטארט איבערגעבען צום באלעבאס אנ'אנטלאפענעם קנעכט.

בעטען מיר די ווערטער „שפחה" און „אמה" געפינען מיר אין זיי דעם שורש פון „משפחה" און „אם", דאס בעווייזט, אז די דינסט און דער קנעכט זענען געווען א טייל פון דער משפחה, וואס מיר זעהען אויך אין פערשידענע מעשיות פון חומש (הגר אליעזר א. א..) „עבד ד'" איז דער כבודיג שער טיטול פאר משה'ן און אנדערע נביאים, און אויך פאר'ן גאנצען יודישען פאלק.

עס איז פערשטענדליך, אז אזא בעציהונג צו קנעכט האט געקענט זיין נאר ביי א פאלק, וואס האט אליין ליב געהאט און געשעצט ארבייט, ביי וועמען מלאכה איז געווען א כבוד און שטאלץ.

און באמת איז געגוג אדורכצובלעטערען דעם תנ"ך און תלמוד, כדי צו זעהען, וואס פאר א בכבודיגען ארט די מלאכה האט פערנומען ביים אמאליגען יודענטום.

אדם הראשון איז אריינגעזעצט געווארען אין גן עדן אויף צו בעארבייטען איהם; נאכ'ן ער־שטען חטא, איז איהם געגעבען געווארען צו אר־בייטען ד' ערד, כדי זיך צו דייניגען און לייטער'ען דורך דער ארבייט פון די זינד.

בצלאל בן אורי איז געבענטשט געווען פון גאט מיט פייגקייטען צו פערשידענע אייגענ־שאפטען און ער האט אויך פערמאגט די אייגענ־שאפט צו אויסלערנען יעדעם די קונסט פון אר־בייט.

אין משלי זענען פאראן מאסען אפאריזמען וועגען די שעדליכע און שענדליכע מדות פון פוילען און א לויב געזאנג וועגען דעם פלייסיגען.

א פרעכטיגער הימן פאר דער ארבייט איז דער בארימטער קאפיטעל פון משלי „אשת־חיל". דארט ווערט מיט גרויס פּיעטעט און יראת הכבוד געשילדערט די פלייסיגע פרוי, וואס איז שטענדיג בעשעפטיגט, ביינאכט און ביינאכט, אין שטוב און אין פעלד, ביים שפינען און וועבען א. א. וו.

דאס איז די פרוי, וועגען וועלכער דער משורר פון תהלים זאגט, אז זי איז „ווי א פרוכטבארער ווייַנשטאק" פאר'ן נאטפארטיגען מאן, וואס גייט אין גאס וועגען און לעבט פון יגיע כפים, אזוי וואויל איז איהם און אזוי גוט איז איהם".

זעהר איינטערעסאנטע שטעלען אין תלמוד ווי־זען אויף דער זעהר בכבודיגער בעציהונג צו מלאכה אין דער צייט פון די תנאים און אמוראים.

אויפ'ן פסוק „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" (זאלען זיי מיר בויען א מקדש, וועל איך וואוינען צווישען זיי) זאגט דער תלמוד: ווען זיי וועלען בויען און ארבייטען, וועלען זיי ווערט זיין, די שכינה זאל צווישען זיי רוהען. „ובחרת בחיים" — דאס מיינט מען צו לערנען אנ'אומנות.

אין דער צייט פון דער ארבייט טאר זיך דער בעל־מלאכה נישט אויפשטעלען פאר א רב. איז דער פאטער מחויב צו לערנען א קינד אין אריך אומנות, א נישט וואקסט ער א גזלן.

חוץ די סך תנאים און אמוראים, וואס זענען געווען בעל־מלאכה'ס, ווערט דערציילט וועגען פער־ש'ידענע חכמים, וואס פלעגען, גייענדיג אין בית־מדרש, נעמען אויף זיך עפּעס א געצייג, כדי צו ווייזען, אז מלאכה פערשאפט כבוד. זעהר וויכטיג איז אויך די אלטע יודישע געזעצגעבונג בנוגע בעל־מלאכה'ס. ס'איז כדאי צו דערמאנען א תל־מודישען ווערטעל אויפ'ן פסוק „את אשת רעהו לא טמא" (ר'האט נישט מטמא געווען יענעמס פרוי): דאס מיינט מען, אז א בעל־מלאכה קאנקורירט נישט מיט א צווייטען. ער איז נישט קיין „יורד לחיוו".

ווי אזוי איז עס געשעהען, אז פון אזא בכבוד'־דיגער בעציהונג צו ארבייט און בעל־מלאכה איז דערגאנגען צו דער דערנידערונג פון ארבייט אין די לעצטע דורות — דאס איז א וויכטיגע טעמע פאר זיך.

צי וועלען צוגעצויגענע ווערען צו פעראנטווארט־ליכקייט די עקספּערטען און עדות

וואס וועלען געבען נישט ריכטיגע ערקלעהרונגען לרעה פון שטייער צאהלער

אין צענטראלען קליינהענדלער = פעראיין, פּאמאָרסקא 15, זענען די וואך אויף די וועכענט־ליכע פערזאמלונגען ארומגערעדט געווארען צוו. אנד. פאלגענדע פראגען.

דאס ערשטע מאל וועלען הייַיאהר די שטייער־אמטען אליין אפשאצען דעם אומזאץ־שטייער אהן מיטבעטייליגונג פון דער שאצונגס־קאמיסיע.

דאס אפשאצען וועט פארקומען אויפ'ן סמך פון געזאמעלטע דורך די שטייער־אמטען מאטע־ריאלען, עקספּערטען פון דער פארגעשטעלטער ליסטע דורך די האנדעלס־קאמער, עדות און אלער־ליי פערזאנען, וועלכע די שטייער־מאכט וועט האלטען פאר נויטיג ארויסצורופען.

פאר געבען פאלשע אינפארמאציעס, קען דער שטייער־אמט צוציהען צו פעראנטווארטליכ־קייט און אט דא שטעלט זיך א פראגע, צי האט דער שטייער־צאהלער דיזעלבע רעכט צוצוציהען צו פעראנטווארטליכקייט דעם עדות אדער עקס־פערט פאר געבען אינפארמאציעס לרעה דעם צאהלער און נישט ריכטיגע מיט דער ווירקליכ־קייט? די שטייער־ארדינאציע זעהט דאס נישט פאר. די ווירטשאפטליכע אינסטיטוציעס האבען אונטערגענומען שריט דעם ענין צו ערלעדיגען גינסטיג פארן שטייער־צאהלער.

דאס פינאנץ־מיניסטעריום איז אויך ארויס־געטרעטען מיט א פראיעקט אויסצוארבייטען שטייער־נארמען, לויט וועלכע ס'זאלען פארקומען דאס אפשאצען די, וואס געניסען נישט פון ריט־שאלט אדער וואס פיהרען נישט קיין ביכער. די שטייער־נארמען זאלען בעשטיין אין דעם, וואס מ'זאל אפשאצען אויפ'ן סמך פון צוזאמענגעשטעל־טען אינווענטאר (ווערט פון דער גאנצער סחורה פון געשעפט) אדער מיט די אויסגאבען פון דער אונטערנעהמונג (דירה־געלד, בעלייכטונג, פענסיע פון די אנגעשטעלטע א.א.וו.) אדער גאר מיט פערגלייכונג מיט אנדערע אונטערנעהמונגען פון דער זעלבער בראנזשע.

די ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס זאגען זיך ארויס געגען דעם, ווייל ס'איז אונמעגליך, אויפ'ן סמך פון אויבענדערמאנטען צו שאצען, וועלכער דארף פארקומען אינדיווידואל, פאר יעדער אונטערנעהמונג בעזונדער.

ס'איז אויך אויפגעקלערט געווארען, אז ביז דעם 1. מערץ דארפען בעלייגען זעזנאניעס אויף הכנס ה־שטייער אלע אונטערנעמונגען 1) פון 1 און II האנדעלס־קאטעג. פאטענט, 2) און די ערשטע פינף אינדוסטריע־פאטענטען, 3) אלע וואס פיהרען האנדעלס־ביכער 4) אלע הויזבעזיצער.

זעזנאניעס אויף אומזאץ־שטייער דארפען אפגעבען אלע אונטערנעהמונגען פון 1) I און II האנדעלס־פאטענטען, 2) ערשטע פינף אינדוסטריע־פאטענטען, 3) וואס פיהרען האנדעלס־ביכער.

די אונטערנעהמונגען, וואס פיהרען ביכער מוזען צו די זעזנאניעס בעלייגען א בילאנס.

אויך דער בילאנס מיט אנ'אינווענטאר מוז בעשטעטיגט ווערען דורכ'ן האנדעלס־רעגיסטער ביים קרייז־געריכט.

וועגען דער פּעטיציע אין דער פראגע פון זונטאג־רוה

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט איז אין צענטראלען קליינהענדלער פעראיין, פּאמאָרסקא 15 ענטשטאנען א פראיעקט וועגען שיקען צום מלוכה פרעזידענט א פּעטיציע מיט 10,000 אונטערשריפ־טען, וועגען די האנדעלס־שעה'ן, אזוי אבער ווי די פראגע האנדעלס־שעה'ן איז פערשארפט געווא־רען אין לאדז, איז ענטשטאנען א פראגע צי אזא פּעטיציע קען נישט א מאהל ברענגען שאדען אין דער פראגע אנדערע שטעט און דעריבער איז בע־שלאסען געווארען שיקען נאך ווארשא א דעלע־גאציע, וועלכע וועט אויפן ארט אינפארמירען זיך אין דער קליינהענדלער צענטראלע ווי אויך ביי לאנגיעהריגע ווירטשאפטליכע טוער.

אין פּויזנער וואיעוואדזטווע שליסט מען שוין ווארשטאטען

וועלכע האבען נישט קיין האנד־ווערקער־קארטען

עטליכע וואיעוואדזטווס זענען שוין צוגע־טרעטען צו שליסען די האנדווערקער־ווארשטאטען וואס ארבייטען אהן האנדווערקער־קארטען.

אזוי האט די פּויזנער וואיעוואדזטווע שוין צוגעשיקט א בעפעהל צו אלע סטאראסטווס און מאגיסטראטען, אז מ'זאל שליסען אלע ווארשטא־טען פון האנדווערקער, וואס האבען נישט קיין האנדווערקער־קארטען.

די אלע האנדווערקער, וועלכע קענען נישט בעווייזען, אז זיי האבען איינגעגעבען אין דער האנדווערקער־קאמער און אין דעם אינדוסטריע־אמטען ביי די מאגיסטראטען, האבען קיין שום עצה נישט, אז זיין ווארשטאט זאל נישט געשלא־סען ווערען.

מ'לערנט די שטייער־בעאמטע

ווי אזוי אדורכצופיהרען די שאצונגען

דאס פינאנץ־מיניסטעריום האט צושיקט א צירקוליאר צו אלע שטייער־אמטען, אז די נא־טשעלניקעס זאלען גרינדליך אויסלערנען די בע־אמטע, וואס בעטייליגען זיך אין דער שאצונג און דעם אויפזאמלען די מאטעריאלען צו דער שא־צונג, כדי זיי זאלען וויסען ווי אזוי געוויסענהאפט און פּלויטיג אויסצופיהרען זייערע פליכטען בשלמות.

די שטייער־בעאמטע, וואס וועלען זיך בע־געהן ווילקירליך ביים שאצען שטייערן וועלען, לויט דעם צירקוליאר שטרענג בעשטראפט ווערען. ווייטער האט דער פינאנץ־מיניסטער אויפ־געפאדערט, אז די שטייער־בעאמטע זאלען זיך שטרענג צופאסען צו די פארשריפטען פון דער נייער שטייער־ארדינאציע און זאלען שאצען נאר אויפ'ן גרונד פון פאקטישע מאטעריאלען. יעדער שטייער־בעאמטער מוז זיך בעמיהען, אז ער זאל פערזענליך בעקומען די גרעסטע צאהל אינפאר־מאציעס און מאטעריאלען, וועלכע זאלען געבען א ריכטיגע פארשטעלונג פון דער מאטעריעלער לאגע פונ'ם שטייער־צאהלער, כדי די שטייערען זאלען זיין צוגעפאסט צו דעם צושטאנד פון דער אונטערנעמונג.

נייער פאַלקסבלאַט

דאָס לאָדזער לעבען

נייער פאָלקסבלאַט

דינסטאָג 5 ב' אדר א' תרצה

פעברואַר

זון־אויפגאַנג 7.12
זון־אונטערגאַנג 4.28

ווייטערדיגע קאָנדאָלענץ־דעפּעשען און בריף

צוליב'ן טויט פון רעדאַקטאָר לאַזאַר פוקס

אין פערלויף פון נעכטיגען טאָג זענען אין רעדאַקציע אָנגעקומען פאָלגענדע קאָנדאָלענץ־דעפּעשען און בריף צוליבן טויט פון רעדאַקטאָר לאַזאַר פוקס.

„צוזאַמען מיט אייך בעוויינען מיר די אבדה פון פריהצייטיג־פאַרשטאָרבענעם, אונפאַרגעסליכען פריינד רעדאַקטאָר לאַזאַר פוקס. אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דער פרוי און רעדאַקציע.

מזאה און דער אנסאַמבל
פון דער „ווילנער טרופּע“

טיף געריהרט צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון איידעלען רעדאַקטאָר און געזעלשאַפטליכען טוער לאַזאַר פוקס — ערלויב איך מיר אויף דעם וועג אויסצודריקען מיין אויפריכטיגסטען מיטגעפיל דער פאַמיליע פון פאַרשטאָרבענעם ווי אויך דער רעדאַקציע און פאַרלאַג „נייער פאָלקסבלאַט“.

מרדכי האַלצבלאַט

ערשיטערט און טיף געריהרט דורך דער גרויסער אבדה, וועלכע די געשעצטע פרוי טאַטיאַנא און איהר אַלע חברים פון דער רעדאַקציע האָבען געליטען פון טויט פונם חשובן און אונפאַרגעסליכען חבר און רעדאַקטאָר ר' אליעזר פוקס נ"ע בין איך מיט אייך ליבע חברים. כ'בין א שותף צו אייער גרויסער צער.

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבילי ציון וירושלים.

ישראל צבי באַרנשטיין

די פערוואַלטונג פון יודישען אינוואַלידען־פאַרבאַנד פון לאָדז און לאָדזער וואָיעוואָדזטוואָ, דריקט אויס אויף דעם וועג דעם טיפען מיטגעפיל דער רעדאַקציע פון „נ. פאָלקסבלאַט“ צוליב'ן טויט פון איהר רעדאַקטאָר לאַזאַר פוקס.

אין פאַרשטאָרבענעם האָט די יודישע געזעלשאַפט פאַרלוירען א ליכטיגע געשטאַלט מיט אַנ־אונגעוועהנליכען כאַראַקטער ווערטנס אָנדענק־האַט פאַרבלייבען אין אונזערע הערצער.
כבוד זיין אָנדענק.

אין נאָמען פון די נויטליידענדע בכבודיגע פאַמיליעס, וועלכע ווערען אונטערשטיצט דורך אונזער פעראיין, דריקען מיר אייך אויס אונזער טיפסטען בייליד צוליב'ן טויט פון אייער חבר לאַזאַר פוקס ז"ל.

המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבילי ציון וירושלים.

פערוואַלטונג פון „תומכי אורחים“

אונזער טיפסטען מיטגעפיל דריקען מיר אויס צוליבן טויט פון קעמפער פאַרן יודישען וואָרט און יודישען בעל־מלאכה, רעדאַקטאָר לאַזאַר פוקס.

די פערוואַלטונג פון יוד. שוסטער־צעך אין לאָדז.

היינט — דער לעצטער טאָג

צום איבערקוקען דעם בודזשעט־פּרעלימינאַר פון דער שטאָטישער זעלבסטפערוואַלטונג

פּראָטעסט פון דער יודישער גמינע

(א) מיט'ן היינטיגען טאָג ענדיגט זיך דער לעצטער טערמין פון עפענטליכען נאָכזעהן פונ'ם גרויסנעלייגטען אַדמיניסטראַטיווען בודזשעט־פּרעלימינאַר פון דער לאָדזער זעלבסטפערוואַלטונג.

היינט איז אויך דער לעצטער טאָג פון בעלייגען בעמערקונגען און פּראָוואָרפען בנוגע בעזונדערע פּאָזיציעס פונ'ם בודזשעט.

אין שייכות דערמיט דערוויסען מיר זיך, אַז די יודישע קהלה־פערוואַלטונג האָט, נאָכן איבערקוקען דעם בודזשעט, אַריינגעטראָגען צוויי בעמערקונגען, ווי דהיינו:

די פערוואַלטונג פון דער יודישער גמינע שטעלט פעסט, אַז אין די פערגאַנגענע יאָהרען פלעגט די גמינע בעקומען צוריק קבורה־הוצאות 9,000 זלאָטעס, און איצט איז אין דעם פּרעלימינאַר די סומע נישט פאָרגעזעהן. אויף דער דאָזיגער פּאָזיציע שטייט אַ סומע פון בלויז 3500 זלאָטיס. די גמינע האָט דעריבער פאָרגעשטעלט די צאָהל פון די צו־קבורה־געקומענע אָרימע יודען און פאָדערט, אַז עס זאָל צוריקגעקעהרט ווערען די פאַקטיש־אויסגעגעבענע סומע, מחמת דער חוב פון קובר זיין אָרימעלייט לאַסטעט נישט אויף דער יודישער גמינע, נאָר אויף דער שטאָטישער פערוואַלטונג.

חוץ מזה פאָדערט די יודישע גמינע צונט־שפּרעכענדע סובווענצען אויף צו דעקן די הוצאות פון עפענטליכע שוץ, וואָס עס בעקומען די יודישע אָרימעלייט, אויף צו אויסהאַלטען ס'משוגעים־הויז, א.א.וו.

די פּראָטעסטען פון דער יודישער גמינע וועלען צוזאַמען מיט'ן בודזשעט פאָרגעלייגט ווערען דעם שטאָט־ראַט צום בעטראַכטען.

די צוקונפטיגע שוויגער איינטערוועניערט

און דער לעתיד לבוא'דיגער איידעם מאַכט איהר שוואַרץ־שבת

(א) אויף דער יודישער גאַס, נומער 24 איז נעכטען געשעהן פאָלגענדע בלוטיגע אַוואַנטורע:

די לאָקאַטאָרקע פון דעם הויז, יוזעפאַ שיידלעצקאַ, האָט אַ טאָכטער ראָזאַליאַ, וועלכע פערמאָגט אַ חתן מיט'ן נאָמען זיגמונט פרומינסקי.

איילט זיך נישט דער דאָזיגער פרומינסקי חתונה צו האָבען און האַלט עס אין איין אָפּלייגען.

דער צוקינפטיגער שוויגער זייגער, דער יוזעפאַ, געפעלט עס אָבער נישט, וואָס זיגמוש'ל האַלט אין איין אָפּשלעפּען דעם זמן חתונה, און זי האַלט אין איין מינטערען: — ווען, און ווי אַזוי, און אַזוי ווייטער...

נעכטען האָט זי איהם אַזוי לאַנג גענודיעט ביז ער איז איהר „גראַב פאָרגעקומען“, און דאַן האָט זי געכאַפּט אַ טאָפּ און מכבד געווען איהם איבער'ן קאָפּ...

דאָס האָט דעם צוקונפטיגען איידעם אַריינ־געבראַכט אין אַ מוראדיגען גרימצאָרן — האָט ער געכאַפּט אַנ'אייזען און מיט רציחה אָנגעהויבען צו בעלייגען מיט קלעפּ זיין צוקינפטיגע שוויגער.

דער סוף דערפון איז געווען, אַז פּאַנאַטאָוויע האָט זי אָוועקגענומען אין שפּיטאָל מיט אַ צובראָכענער האַנד, צובראָכענע ריפּען און צושפּאָל־טענעם קאָפּ אין שפּיטאָל אַריין.

די טאָכטער איהרע האָט מען בעזונדער באַנדאַזשירט און איבערגעלאָזט אויפ'ן אָרט.

דער „בעל שמחה“ גופא איז ענטלאָפען, און עס ווערט איצט געזוכט איהם געפיהרט אַנ'אויס־פאָרשונג.

א מענש, וואָס זיצט שטענדיג אין תפיסה

פאַר פאַבריצירען און פערשפּרייטען פאַלש געלד

(א) היינט אַ יאָהר האָט מען נעכאַפּט אַ געוויסען שטשעפּאַן פעליקשיאַק אין מאָמענט, ווען ער האָט געוואָלט אויסגעבען פאַלשע מטבעות.

בעת דער אויספאָרשונג איז בעוויזען געוואָרען, אַז צו פעליקשיאַק'ן זענען צוזאַמענגעקומען רודאָלף וועגנער, אַנטאָני אַלעיניטשאַק, יוזעף אורבאַנסקי און יוזעף קוראָפּאַטוואַ, וועלכע האָבען גענעבען פעליקשיאַק'ן געלט, ער זאָל קויפען בראָנזען, וואָרשט, פּאַפּיראָסען, בכדי צו מאַכען אַ הוליאַנקע. דאָס געלד איז געווען געפעלשט און האָט געשטאַמט פון קוראָפּאַטוואַ'ס פּראָדוקציע.

א חוץ קוראָפּאַטוואַ'ן זענען אַלע אַרעסטירט געוואָרען, פעליקשיאַק, וועגנער, אַלעיניטשאַק און אורבאַנסקי זענען פאַר פערשפּרייטען פאַלש געלד פאַרמשפּט געוואָרען פון 1 ביז 3 יאָהר תפיסה.

קוראָפּאַטוואַ'ן האָט פּאָליציי געזוכט און איהם געכאַפּט ערשט סוף פאָריגען יאָהר, דאַסמאָל אויף ביים אויסגעבען פאַלשע 5־ער און 10־ער זלאָטעס.

נעכטען איז קוראָפּאַטוואַ געזעסען אויף דער בעשולדיגונגס־באַנק אין היגען קרייז־געריכט, טאַקע פאַר'ן פאַרא־יאָהריגען פערברעכען פון פאַבריצירען פאַלשע מטבעות. אין דער שולד האָט ער זיך נישט מודה געווען. די מיטשולדיגע אין דעמועלבען חטא קאָן ער בכלל נישט. דערביי האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז פאַר פאַבריצירען פאַלש געלד איז קוראָפּאַטוואַ שוין אָפּגעקומען א שטראָף פון 8 יאָהר. דאַסמאָל האָט ער „אָפּגעשניטען“ בלויז מיט 3 יאָהר טורמע.

טעקסט פון פויליש־שפּאַנישען האַנדעלס־אָפּמאַך

קען מען בעקומען אין דער האַנדעלס־קאַמער

די האַנדעלס־קאַמער מאַכט בעקאַנט, אַז זי האָט דערהאַלטען דעם טעקסט פון דעם אונטערגע שריבענעם פויליש־שפּאַנישען האַנדעלס־אָפּמאַך. די פּראַאינטערעסירטע קענען דעם טעקסט בעקומען אין דער ביוראָ פון דער האַנדעלס־קאַמער.

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט־דיזשורען

היינט, ביינאַכט, דיזשורירן פאָלגענדע אַפּטייקען: י. קאַפּראַלאָווסקי (נאַוואָמיעיסקאַ 15), ס. טראַוקאַווסקי (בזשעזשינער 56), מ. ראָזענבלום (שרודמיעיסקאַ 21), מ. באַרטאָשעווסקי (פּיעטרקאָווער 95), ה. סקוואַרשינסקי (קאָנטנאַ 54), ל. טשינסקי (ראָקאַטשינער 53).

אויספלוגען קיינווירען
דעם 23/II און דעם 4/III 1935
פּרייז פון 115.— זל.
איינשרייבונגען נעהמט אָן
Wagons-Lits-Cook
לאָדז, פּיעטריקאָווער 64, טעל. 170-77.
276

צוגאַב־פּאָבאָר

(א) דעם 15־טען פעברואַר ה.י. וועט זיין טעטיג אַ צוגאַב־פּאָבאָר־קאָמיסיע פאַר פ.ק.או. לאָדז־שטאָט 1, פּיעטריקאָווער 165. עס דאַרפען זיך שטעלען פּאָבאָראָווע פון יאָהרגאַנג 1913 און עלטערע, וועלכע האָבען נאָך נישט רעגולירט זייער מיליטער־פליכט און וואוינען אויפן שטח פון 11, 2, 3, 5, 8 6 קאָמיסאַריאַטען.

דעם 28 פעברואַר ה.י. וועט אויך זיין טעטיג אַ צוגאַב־פּאָבאָר־קאָמיסיע פאַר פ.ק.או. לאָדז 2, פּיעטריקאָווער 165. עס דאַרפען זיך אַהין שטעלען די פּאָבאָראָוועס פון יאָהר 1913 און עלטערע, וועלכע האָבען נישט רעגולירט זייער מיליטער־פליכט וואָס וואוינען אויפן שטח פון 14, 13, 12, 10, 7, 6, 4, 1 קאָמיסאַריאַטען און האָבען בעקומען נאָמענטליכע אויפפאָדערונגען פון שטאָט־סטאַראָסטווע.

מ'וועט אויך לוסטרירען די געוועלבער

וועלכע צאָהלן ריטשאַלט פון אומזאַץ

שוין אינגיכען וועט זיך אָנהויבען די לוסטראַציע אין די געוועלבער מיטן צוועק צונויפצוזאַמלען מאַטעריאַל פאַר דער שאַצונג פון אומזאַץ־שטייער.

די דאָזיגע לוסטראַציע וועט אויך פאָרקומען אין אַלע געוועלבער וואָס צאָהלען ריטשאַלט פון אומזאַץ. הגם פאַר די סוחרים וואָס צאָהלען ריטשאַלט וועט מען שוין נישט שאַצען דעם אומזאַץ אויפן היינטיגען יאָהר, וועט מען פונדעסטוועגען ביי זיי אַדורכפיהרען גריגדליכע לוסטראַציעס: מען וועט אָפּשאַצען דעם ווערט פון די סחורות, מ'וועט אויס קאַלקולירען וויפיל זיי לייזען וועכענטליך א.א.וו. דאָ וואו מ'וועט האָבען דעם איינדרוק, אַז דער אומזאַץ איז גרעסער ווי ס'איז דער ריטשאַלט וועט מען זיי צוגעבען אַ דריטע שאַצונג און מען וועט זיי צונעהמען דעם ריטשאַלט.

מעמאָריאַל פון לויהן טעקסטיל פערבאַנד צו דער שטייער־קאַמער

וועגען דער אויסמעסטונג פון אומזאַץ שטייער

(אג) אין שייכות מיט דער קומענדיגער אויסמעסטונג פון אומזאַץ־שטייער, וואָס וועט שוין אַדורכגעפיהרט ווערען לויט דער נייער אויסמעסטונג פּראָצעדור, האָט דער לויהן טעקסטיל פערבאַנד איבערגעשיקט א ספּעציעלען מעמאָריאַל דעם דירעקטאָר פון דער שטייער־קאַמער, אין וועלכען עס ווערט שאַרף קריטיקירט דער ביזאַיעטיגער אויסמעסטונגס סיסטעם און עס ווערט אַרויסגערוקט אַ פּאָזיטיווער פּראָיעקט פון קומענדיגען אויסמעסטונגס סיסטעם.

אין מעמאָריאַל ווערט אָנגעוויזען, אַז דער עלטער אויסמעסטונגס סיסטעם האָט שטאַרק בעשעדיגט בעזונדערס די לויהן וועבערייען, וועלכע האָבען געמוזט צאָהלען אַ גרעסערען אומזאַץ שטייער, ווי עס איז אויסגעקומען לויפן פאַקטישען אומזאַץ.

די נייע זילבערנע 10־זלאָטע־מטבעות

(א) די פינאַנץ קאַסעס און די באַנק פּאָלסקי האָבען איצט בעקומען נייע 10־זלאָטעדיגע זילבערנע מטבעות מיט דעם בילד פון מאַרשאַל פּילסודסקי.

די איצט קורסירענדע נאָרמאַלע 10־זלאָטע מטבעות וועלען מיט דער צייט אַרויסגעצויגען ווערען פון פערקעהר.

DR. MED. H. LUBICZ
פאַר הויט, ווענערישע און געשלעכטס־קראַנקה.
צעגעלניאַנאַ 7 (פריהער 43), טעל. 141-32
עמפּפאַנגס־שעה'ן 8–10, 12–2, און 5–8 אָוונט.
זונטאָג און יום־טוב פון 9–11 בייטאָג
און יו"ט 9–1. פאַר דאַמען בעזונדערער וואַרטע־זאַל

די לאגע אויפ'ן לאדזער באַנ-וועל-גאַרן-מאַרק

(אג) אויפ'ן מאַרק פון באַנוועל גאַרן אין לאָדז איז די טענדענץ געוועזן אַ פעסטע, הגם די אייגענטליכע נאָכפראַגע אויף גאַרן האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן דאַרף מען אָבער לויט דער מיינונג פון די פּראָאינטערעסירטע קרייזן, ערוואַרטען אַ שטייגערונג פון פּערברויך שוין אין דער גאָהנס טער צייט, באַזונדערס צוליב דעם, וואָס דער זומער סעזאָן אין דער טעקסטיל אינדוסטריע מוז זיך שוין בקרוב אָנהויבען. די קויף-באַדינגונגען זענען אויך ווייטער אינדיווידועל, עס מוז אָבער באַמערקט ווערען, אז אַלס אָפטער קען מען באַקו מען גאַרן אויף אָפענער רעכנונג, געווענטלעך אויף אַ 30 טעגיגען וועקסעל קרעדיט. אין דעם פאַל ווערט צום פּרייז צוגערעכנט פון איינס ביז אָנ-דערהאַלבען סענט אויפ'ן קילאָ.

פון דער יובילער-בראַנזשע

אין צענטרום פון אונזער שטאָט איז ער-עפענט געוואָרען אַ מאָדערן=איינגעאָרדענטער יובי לער-מאַגאַזין א.ס. „קאַמעאַ".

דער באַזיצער פון ניי-ערעפענטען מאַגאַזין איז דער באַקאַנטער אין די ברייטע ספערען סוחר און לאַנגיעהריגער פאַכמאַן ה' גאָלדבערג.

די הויכע סאָרטען פון די עדעלסטע שטיינער, פּרעציזירטע זייגערלעך און וועלט-מאַרקעס גיבען די פולע גאַראַנטיע, אז די פירמע „קאַמעאַ" וועט זיך ערווערבען דאָס פּערטרויען פון די קויפענדע. קינסטלערישע יובילער=פּראַצאָוניע אונטער דער לייטונג פון באַקאַנטע פאַכמענער אויפ'ן אָרט.

פאַר'ן מאַהנען 2 מאָהל

(א) אַ געוויסער יאַכים הענדעלעס, אַנ'איג האַבער פון אַ האָלץ סקלאַד אויף באַנקאָווע 2' איז נעכטען דורכ'ן שטאַטישען געריכט פערמשפּט געוואָרען אויף 4 חדשים ארעסט דערפאַר, ווייל ער האָט ביי איינעם אלפאַנס קאָניצקי 2 מאָל גע מאָהנט דעמזעלבען חוב.

Dr. med.

R. Zalcwasser

כירורג

ציגעל=גאַס 19, טעל. 125-17

נעמט אָן פון 1–2 און פון 4–6 נאָכמ.

א קאָנפערענץ וועגן דעם שטרייק אין דער פּלוש=אינדוסטריע

(א) כידוע, דויערט שוין דער שטרייק אין דער פּלוש-אינדוסטריע מעהר ווי אַ וואָך צייט, און ער איז לעצטענס פערשאַרפט געוואָרען, מחמת דעם, וואָס די קאָנפערענץ מיט די פאַבריקאַנטען איז נישט צושטאַנדגעקומען.

עס שטרייקן איצט אין דער בראַנזשע 1500 מאַן.

איצט דערוויסען מיר זיך, אַז דער אַרבייטס אינספעקטאָר, ה' וויזשיקאָווסקי, האָט באַשטימט אויף היינט 12 בייטאָג אַ נייע קאָנפערענץ מיט דער באַטייליגונג פון ביידע צדדים.

אַנ'אינספּעקציע איז די שטאָטישע שפּיטאָלען

(א) נעכטען האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'אינספּעקציע פון די שטעטישע שפּיטאָלען אין לאָדז. די אינספּעקציע פיהרען אָדורך: דער לייטער פונם געזונדהייטס-אַמט ביי דער וואָיעוואָדזשווע, ד"ר סקאַלסקי, דער זעלבסטפערוואַלטונגס-אינספּעקטאָר ביי דער וואָיעוואָדזטווע, ה' קאָזלאָווסקי און דער שפּיטאַלען-אינספּעקטאָר, ד"ר מיטעלשטעט.

דער ציל פון דער אינספּעקציע איז צו קאָנטראָלירען דעם מצבֿ פונם שפּיטאַל-וועזען און דאָס ווירטשאַפטען אין דיזעלבע שפּיטאַלען.

א ייִד — א „דזשענטלמען" וועלכער וועט ווערען אוועקגעזעצט...

(א) א געוויסער אָסקאַר ליפּמאַן האָט בשעתו אונטערגעהערט אין זגערזש אַ טעלעפאָנישען געשפּרעך, וואָס דער זגערזשער איינוואָהנער שטערען האָט געפיהרט מיט איינער נאַטאַליאַ זילבערמאַן פון לאָדז (פון וואָלטשאַנסקאַ 46).

אין דער דאָזיגער אָסקאַר ליפּמאַן אוועק צו נאַטאַן זילבערמאַנען און איהם איבערגעגעבען, אַז זיין ווייב, נאַטאַליאַ האָט געהאַט מיט שטערענען אזא און אזא שמועס...

זילבערמאַן האָט דעריבער אָפּגעגט זיין פרוי. די געלימענע פרוי האָט אַנגעקלאָגט דעם רכילותניק ליפּמאַנען אין געריכט, און ער האָט טאַקי נעכטען באַקומען אַ פּסק דין 4 חדשים אַרעסט מיט'ן אָפּלייגען די שטראָף.

אויפגעריסען אַנ'אויווען

(א) אין ראַדיאָ טעכנישען געשעפט פון דער פירמע טאַן און קיעלפינסקי (פּעטריקאָווער 87), האָט מחמת פּריצייטיגען צומאַכען דאָס טירעל, אויפגעריסען דער איינגעהייצטער אויווען.

פונ'ם אויפרייס האָט שטאַרק געליטען דאָס יונגעל פון געשעפט מאַריאַן שטעמפעל, וועלכער האָט זיך איינגאַנצען שטאַרק אָפּגעבריהט.

פּאָגאָטאָוויע האָט איהם אָפּגעפיהרט אין שפּיטאַל.

איבערגעפאָהרען אַנ'עלטערען ייִדען

(א) אויפ'ן אַלעקסאַנדערער שאָסיי, נעבען קאָכאַנובעק, האָט אַנ'אויטאָ איבערגעפאָהרען דעם 68 יעהריגען שמואל טשאַרנילאָס, פון דאָרף ניקאָ לאַיעוו. לאָדזער קרייז.

אינגאַנצען אַ צושעדיגטען האָט איהם פּאָגאָ טאָוויע אָפּגעפיהרט אין ראַדאָגאָשטשער שפּיטאַל.

דער שאָפער פונם אויטאָ איז צוגעצויגען געוואָרען צו פערענטוואָרטליכקייט.

Dr. med. L. Berman

צעגעלניאַנאַ 15. טעל. 149-07.

ספּעציאַל-אַרצט פאַר מענער-שוואַכע-באַהאַנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג.

נעמט אָן פון 8–11 און פון 4–8 אָוונט.

זונטאָג פון 9–1 פאָרמיטאָג.

פאַר אונבעמיטעלטע—לעטשניצע-פּרייזען.

רעפּערעזענטאַנץ=טעאַטער

„ראָזמאַיטאָשטשי"

ציגעל-גאַס 27. טעל. 112-25.

דירעקציע: דוד צעלמייסטער.

גאַסטשפּילען פונ'ם בערימטען יודיש-דייטשען קינסטלער, פּרעמיער פון ריינ-האַרד- און פּיסקאַטאָר-טעאַטערן

אלעקסאַנדער גראַנאַך

היינט, דינסטאָג, 9.30 אָוונט

פּאָפּולערע פּרייזען

גרויסער שטורמישער ערפאָלג

פון אַלטער קאַציזנע'ס ניי ביהנע-ווערק אלעקסאַנדער גראַנאַך'ס

אויפפיהרונג

וועלט-געוויסען!

סינטעטישער רעפּאָרטאַזש אי'ן 3 אַקטען, 7 בילדער. די ראָלען פיהרען אויס: (לויט דעם שטיק:

שלום שוואַרצבאַרד – אלעקסאַנדער גראַנאַך

חנה שוואַרצבאַרד	– עני ליטאַן
אַטאַמאַן פּעטליוראַ	– דוד האַמבורגער
מאַדאַם פּעטליוראַ	– נאַטאַליאַ ליפּמאַן
אַדוואָקאַט טאָרעס	– משה ליפּמאַן
דיכטער שוואַרצמאַן	– יצחק גרודבערג
סאַפראַ	– יוסף סטרוגאַטש
מיניסטער שולגין	– מרדכי הילטבערג
אַדוואָקאַט קעמפּינקי	– גרשון לעמבערגער
פּרל. גרינבערג	– פאַני רובינאַ
קליין יודעלע	– מאַקס באַזשיק
צירעל	– ריזעל ליבראָווסקאַ
אינזש. קאָסטאַ	– ש. הערשקאָוויטש
דאַמע	– לאה ליבראָווסקאַ
פּראָקוראָר	– ישעיה צוויליך
פּיאָטר	– קלמן גוטמאַן

און אַנדערע.

דעם דאָנערשטאָג, 9.30 אָוונט

הנחה-פאָרשטעלונג

אלע בילעטען נור 1 זלאָטע

אלעקסאַנדער גראַנאַך'ס אויפפיהרונג פון דער וועלט-בערימטער אַקטועלער צייט-פּיעסע

„די געלע לאַטע"

אין 3 אַקטען, 4 בילדער פון ד"ר וואָלף.

די הויפּטראָלע פיהרט אויס:

אלעקסאַנדער גראַנאַך.

אונטערגעוואָרפען אַ קינד

(א) אין טרעפּען הויז אויף שעראַדזקאַ 14 איז געפונען געוואָרען אַ יונגעלע אומגעפעהר, 4 וואָכען אַלט.

מ'האָט דאָס אונטערגעוואָרפענע קינד איבערגעגעבען אינם שטאָטישען ערציהונגס-הויז.

אלעקסאַנדער גראַנאַך'ס אויפפיהרונג

פון אַלטער קאַציזנע'ס „וועלט-געוויסען" *)

אין אַלטער קאַציזנעס „וועלט - געוויסען" ווערט באַהאַנדעלט דאָס געשעהעניש: שלום שוואַרצ באַרד — פּעטליורע. לאָמיר קודם־כל אַ שמועס טון וועגען דעם פאַקט גופא, וואָס אַזויבס עס אין אייגענט ליך פאַקטיש געשעהען אין פּאַריז אין יאָהר 1925 מיט'ן פּעטליורע מאָרד. שלום שוואַרצבאַרד, אַ ייִד, אַ דיכטער־מאַלער: אַ ייִד, וועלכער האָט שוין בעוויזען צו זיין אַ רעוואָלוציאָנער, אַ סאָציאַליסט, אַנאַרכיסט, צו דינען פריוויליג אין פראַנצויזישען פרעמדען לעגיאָן, מיטצולעבען שוידערליכע פּאָגראָמען אויף יודען אין אוקראַינע אויסצוגעפינען אַ רוהיג לעבען אין פּאַריז און אין מיטען פון זיין רוהיג און צופרידען לעבען, שיסט ער פּעטליורען.

אַזוי לאַנג ווי מען הערט דערצעהלען די מעשה שוואַרצבאַרד, אָדער מען לעזט וועגען דעם, איז שוואַרצבאַרד'ס מאָרד־אַקט אַ גאַנץ נאַטירליכער. אַ מענש האָט מיטגעבליטיגט מיט דער אַכזריות'דיגער שחיטה אויף יודען פון פּעטליורעס ווילדער באַנדע, נעמט ער נקמה אין פּעטליורען דורך אַ שאָס. דאָס פראַנצויזישע געריכט נעמט אין אַכט די אומשטענדען פון מאָרד און באַפרייט שוואַרצבאַרד'ן.

אַנדערש איז אָבער ווען מען ווערט באַקאַנט מיט שוואַרצבאַרד'ן פּערזענליך. דער ענין שוואַרצ באַרד מאָרד, הערט דאַן אויף צו זיין נאַטירליך און ווערט אַ רעטעניש. עס איז גענוג אַ קוק־צו־טאָן אויף דעם אמת'ן שוואַרצבאַרד, עס זאָל ווערען אומפערשטענדליך זיין מאָרד־טאַט. ווען מען קוקט אָן דאָס ייִדעלע שוואַרצבאַרד, באַגרייפט מען ערשט די געשוואוירענע פון פראַנצויזישען געריכט פאַר וואָס זיי האָבען איהם באַפרייט. אין די געריכטען איז מען געוואוינט צו זעהן באַשולדיגטע מערדער מיט פיזיאָגנאָמיעס פון רוצחים און דאָ האָבען זיי פאַר זיך געזעהן אַנ'איידעל פּשוט יודעלע פון אַ בידדיגען וואוקס, בלוירע פערחלומטע אויגען, אַ בלאַס צאַרט פּנים און הענד, דאַרף מען אייגענט ליך זאָגען: הענטעלעך, ווייל זיי זענען ווייכינקע ווי אויסגעצערטעלטע אַזעלכע פערשווינדלעך זענען נישט געפעהרליך פאַר דער געזעלשאַפט, זענען נישט קיין מערדער און מען דאַרף אַזאַ איינעם נישט איזאָלירען פון דער געזעלשאַפט.

דאָס איז דער איינדרוק, וואָס מען באַקומט ווען מען קומט אין צוזאַמענטרעף מיט שלום שוואַרצ באַרד אין לעבען. מיט שוואַרצבאַרדען אין געשעהען עפּעס נישט פערשטענדליכעס, עפּעס אַ מעכטיג געהיימע קראַפט האָט דעם שלומ'קען אַ שטויס־געטון אויסצופיהרען אַ מיסיע און ער, שלום, האָט אויסגעפיהרט אין דעם פיינפיהלענדיגען, איידעלען און עמפּינדליכען שוואַרצבאַרד, האָט דער אַנגעזאַמעלטער יודישער פאָלקס־ווייטאָג פון שוידערליכען פּיין, אַריינגעשלידערט דעם אויפברויזענדיגען צאָרן פון אַ פאָלק, וואָס ווערט שוצלאָז אומענשליך געפּייניגט און רוצחיש אויסגעשאָכטן. עס שווימט דאָ אויף אין זכרון דער פערגלייך מיט ד"ד און גליה פון תנ"ך.

דאָס זענען אלץ פערזענליכע איינדריקען, וואָס צווינגען נישט אויף דעם מחבר זיה צו האַלטען אין דער זעלבער אויפפאַסונג.

אַלטער קאַציזנע האָט דאָס שוואַרצבאַרד־געשעהעניש אויפגעפאַסט רעאַליסטיש אָהן מיסטישע גריבלענישען און עס איז אַרויסגעקומען אַ שטיק מיט אַ זעהר שטאַרקען איינדרוק. קאַציזנע האָט זיך איז גאַנצען געלאָזען מיטרייסען פון די הוילע פאַקטען און זיי אַריינגעפלאָכטען אין זיין ווערק.

דאָס „וועלט געוויסען" איז זעהר גוט אויפגעבויט, עס פערמאָגט שטייגערונג און אין לאָגיש באַגרינדעט. אַ חוץ קליינע דעפעקטען ווי דאָס פער־טשעפען מיט'ן רבונו־של־עולם אין דער תפיסה־סצענע, וואָס האַרמאָנירט נישט מיט'ן גאַנצען דעם כאַראַקטער פונ'ם שטיק און פאַר וואָס קומט אַריין אין דער פאַנטאַמימער שטוב דווקא אַ יו־ד'ישער רויטער אַרמעער (גרודבערג)? עס וואָלט נישט געווען עפּעקטפולער ווען אַ קריסטליכער רויטער אַרמעער פאַלט אַריין אין אַזאַ טראַגישער שטוב און זאָל אַרומגענומען ווערען מיט'ן גאַנצען גרויל? אַ ייִד מוז דווקא דאָ פּערטרעטען די רויטע אַרמעע? דאָס זענען אָבער קלייניגקייטען, וואָס שטערען נישט דעם אַלגעמיינעם גוטען איינדרוק, וואָס דאָס שטיק מאַכט. קאַציזנע האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזען פאַר אַנ'אויסגעצייכנטען ביהנע־קענער, ער האָט דעם שטאָף פאַכמעניש באַהאַנדעלט און ליטעראַריש באַאַרבייט. הגם די פאָרם איז אַ סינטעטישער רעפּאָרטאַזש, וואַרפען זיך דאָ און דאָרט אָדורך דיכטערישע בליצען, וואָס באַלייכטען קינסטלעריש דאָס ווערק. ערטער־ווייז איז דאָס שטיק מעהר ווי רעפּאָרטאַזש. אין זיין „דובס" און אין „קריזיס" האָט קאַציזנע געוויזען בלויז פרובען פון אַרבייט פאַר דער ביהנע, נאָר איז „וועלט־געוויסען" ווייזט זיך קאַציזנע אלס ריפער קינסטלער פון ביהנעשאַפונג.

אַ חוץ דעם האָט קאַציזנע מזל, וואָס זיין שטיק איז אַריינגעפאַלען אין די הענד פון אַלעקסאַנדער גראַנאַך און פון אַזעלכע אַקטיאָרען וואָס שטעלען צוזאַמען די טרופּע פון „ראָזמאַיטאָשטשי".

אַלעקסאַנדער גראַנאַך איז נישט נאָר אַ גרויסער אַקטיאָר, נאָר אויך אַ גרויסער רעזשיסער, אַ רעזשיסער פון אַ גאָר גרויסען פאָרנעם. ער האָט אוועקגעשטעלט דאָס שטיק אויסגעפּערטנט מיט אַלע דעטאַילען, די סצענעס זענען ווי פון מאַרמאָר אויסגעהאַקט. אַ חוץ ערשטען בילד, וואָס קומט אַרויס בלאַס, האָט ער דערגרייכט צו אַ רעזשיסעריש קינסטלערישע שלימות.

דאָס בילד אין דער פּאָגראָמירטער שטוב, געהערט צו די סצעניש בילדער, וועלכע בלייבען אייביג איינגעקריצט אין געפיהל, און קאָנען נישט אַרויס פון זכרון. עס איז אַ מייסטער־ווערק, דאָס זעלבע איז די סצענע אין געריכט זאָל. וואָס שייך גראַנאַכס שפּילען, לאָזט זיך זאָגען, אַז ער ווייזט אַ נישט פערגלייכליכע אַרטיסטיש־קינסטלערישע קראַפט. ער גיט אַנ'איינציגאַרטיגען שלום שוואַרצ באַרד, אַדורכגעווייטאָגטען, אַ פערבלוטיגטע, אַ הער פיינקטער, אַ פערצערטען, אַ פערביטערטען; אין זיין נקמה־געפיהל איז נישט פערהאַן דאָס חיה'שע, נאָר דאָס טרייסטענדיגע, נישטאָ דאָס בלוטדורשטיגע, נאָר אַ שטילער ה־וידענדער פאָלקס־צאָרן, וואָס דערפיהרט צו אַ הייליגער שליחות. מיר זעהען דאָס אין דער סצענע „אין פּאָליצייַ קאָמיסאַריאַט" ווען ער איבערצייגט זיך, אַז ער האָט דערשאָסען דעם ריכטיגען פּעטליורא. זיין פּרייד איז דאָ מעהר אַ גייסטיגע ווי אַ פיזישע.

אַזאַ קאָנצערט־שפּיל ביז'ן לעצטען אַקט אַריין זעהט מען זעלטען ווען אויף דער יודישער ביהנע. אויב דאָס ערשטע בילד „אין אַ מאָסקווער פּערי'עריטעאַטער", געהט אַדורך אָהן ספּעציעלען איינדרוק, שוידערט אָבער אויף דאָס צווייטע בילד „אין אַ יודישער שטוב אין פּראָסקוראָוו." דאָ זעהען מיר שוין גראַנאַכן, דאָ זאַפּט „שוואַרצבאַרד" אין זיך איין דעם גאַנצען גרויל, פון דער יודען־שחיטה, פון דאַנען אויס טראָגט שוואַרצבאַרד אַרויס זיין נקמה־געפיהל, פון וואָס ער קאָן זיך נישט מעהר באַפרייען. פאַר זיינע אויגען פיהרט דער מחבר פאַרביי די קינדות פון דער ווילדער שחיטה, זענען דאָס בילדער און טיפּען, וועלכע לאָזען נישט בלייבען רוהיג.

וואָסערע טרעפליכע טענער האָט די רעזשי אַרויסבאַקומען פון צווייליך און הערשקאָוויטש. הערש קאָוויטש'ס „פּוערל" איז דאָך אויסגעשטאַקט און צווייליכ'ס „שמחאל" איז דאָך דער געלונגענסטער אויסדרוק פון פערצווייפלונג. ווייטער קומט באַזשיק מיט זיין „אוריקע". פערקערפּערט ער אַ קריפּעל, וואָס איז פּשוט צום געוואונדערען. באַזשיק ווייזט זיך דאָ ווידעראַמאָל אַלס מייסטער פון מאַסקעס, אַזאַ ברייטען אַרטיסטישען פּערנעם, האָבען מיר ביז איצט ביי איהם נישט געזעהן. דער מחבר האָט אויסגעריכטעט אַ ריהרענדע פיגור און באַזשיק האָט איז דער פיגור אַריינגעהויכט קינסטלעריש לעבען, מיט „אוריקע" מוז באַזשיק שטאַלצירען. ליפּמאַנס „אַבראַמעק" איז קרעפטיג און פולבלוטיג, אין איהם איז פערקערפּערט דער לעבענס־איבס טינקט. ער קאָן זיין זאַלץ־פערלוסט נישט פערגעסען. אַזוי איז עס שוין מיט די שטערבליכע. די וואָס בלייבען לעבען איז זעניין געזונד, ווילען ווייטער פאָרזעצען דאָס לעבען, אפילו ביים גרעסטען אומגליק. ליפּמאַן גיט דאָס אונז זעהר בולט צו פיהלען. לעמבערגער, שאַפט אין זיין „יאַנקל" נישט בלויז אַ משוגע־געוואָרענעם, נאָר אויך אַנ'אויס געצייכענטען כאַראַקטער פון אַ מענשען, וועמען די מענשליכע ווילדקייט האָט מיט געוואַלד דעם שכל צוגענומען און עס איז ביי איהם נאָך קענטיג דער שאַרפזיניגער שכל, וואָס ער האָט ערשט־וואָס פערלוירען. ריזעל ליבראָווסקאַ איז אין איהר „צירל" ממש אומפערגלייכליך. אַזוי פיל ווייטאָג, אַזוי פיל איבערמענשליכע שטילע יסורים ברענגט די דאָזיגע יונגע אַקטריסע אַרויס, אַז מען ווערט ווי פערגליווערט. איהר „צירל" איז דאָך איין שטיק צער פון דער פערפייניגטער, פערומגליקליכטער און שענדליך באַליידיגטער יודישער פרוי יעדער טאָג, יעדע באַוועגונג און איהר לעצטער טאַנץ אין דאָך אַזוי נאַטירליך, אַזוי פּשוט, נישט עפעקט פול־שרייעריש, נאָר פּשוט ווי עס איז די ריינע קונסט. אויך פאַני רובין און גרודבערג צייכענען מיט פערשטענדניש זייערע פיגורען. זאָל אויך צום גוטען דערמאָנט ווערען איז זעלבען בילד דאָס האַלב משוגע געוואָרענע יונגעל, מען הערט פון איהם זעהר איינדרוקפולע טענער.

אין דריטען בילד „אין שוואַרצבאַרד'ס זייגער געשעפט אין פּאַריז" צייכענט זיך אויס די באַגאַבטע עני ליטאַן אין דער ראָל „חנה". צייכענט אַ האַרציגע, ליבענדע און געטרייע פרוי, וועלכע שאַפט פאַר שוואַרצבאַרד'ן אַ וואַרימע היים און דאָך שטויסט עס איהם צו זיין טאַט. ווי נאָר ער דערהערט, אַז פּעטליורע געפינט זיך אין פּאַריז.

אין דריטען בילד „אין קאָמיסאַריאַט" צייכנען זיך אויס אַחוץ גראַנאַך, אויך לעמבערגער (קאָמיסאַר) נאַטאַליאַ ליפּמאַן און עני ליטאַן.

אין זיבענטען בילד „אין געריכט" שטעהען אין צענטער: ליפּמאַן (טאָרעס) און לעמבערגער (קאָמפּינקי). אַ שטאַרקען איינדרוק מאַכט סטרוגאַטש אין „ספראַ." אין דער פּיעסע שאַפט סטרוגאַטש דריי געלונגענע טיפּען: ליריק, גענעראַל און „ספראַ".. גוט זענען אויך הילסבערג (שולגין), גרודבערג (פּראָפ. לאַנזשעווען), פאַני רובין (פּרל. גרינבערג).

פּעטליורע און ד"ר לעווי, ווערען דורך האַמבורגער זעהר גוט פערקערפּערט.

טעאַטער-מענש.

*) זעה „נייער פאָלקסבלאַט" נומער 30.

אוועקגעפאלען פאר הונגער

(א) אויפ'ן ריימאנט פלאץ איז אוועקגעפאלען פאר אויסשעפונג און הונגער די ארבייטסלאזע און היימלאזע העלענא טשארנאווסקא (29 יאהר אלט).

פאגאטאוויע האט זי אפגעפיהרט אין זפאס שפיטאל.

זעלבסטמארדען

(א) מחמת'ן מאנגעל אין אויפענטהאלט־מיטלען האט זיך מיט א ראזיר־מעסער איבערגעשניטען דעם האלז דער 27־יעהריגער ארבייטסלאזער, סטאניסלאוו באזשישעק (פון גאיאווא 4). אין א געפעהרליכען צושטאנד האט מען איהם אפגעפיהרט אין שפיטאל.

* * *

(א) אין לאנגעס ציגעלניע אין ראדאגאשטש האט זיך אויף א בוידעם געהאנגען דער 21־יעהריגער ציגעל־ארבייטער יוזעף יאנאשיאק (פון זגערזשער 117). פון דער שטריק האט מען איהם ארונטערגענומען א טויטען. די סיבה פונ'ם זעלבסטמארד איז נישט פעסטגעשטעלט געווארן.

* * *

(א) אין טויער אויף וואולטשאנסקא 68 האט זיך געסמ'ט מיט אנ'אומבעקאנטען גיפט די היימלאזע און ארבייטסלאזע, פוילינע מאנדערקא. מ'האט זי אין א בעוואוסטלאזען צושטאנד אפגעפירט אין ראדאגאשטשער שפיטאל. די סיבה פונ'ם טראגישען שריט — איז געווען עקסטע נויט.

קלאנג־קינא־טעאטער

Zachęta

זגערזשער 26

היינט און פאלג. טעג!

גרויסער רעוואלוציאנס־פראגראם!

— I —

שרעק, עמאציעס, גרויל דערוועקט דער פילם א. נ.

טייוועל פון דער גרויסער שטאט

אין די הויפט־ראלען:

WYNUL GIBSON
i EDMUND LOVE

— II —

דראמאטישע סימפאניע א. נ.

„פערגעסענע מעלאדיע"

אין די הויפטראלען:

Jack Payne i Philip Weston

אנהייב 4 נ. מ. שבת און זונטאג 12 בייטאג.

73 PIOTRKOWSKA 73
TELEFON NR. 185-22
— poleca —

„KAMEA"

WYTWORNĄ BIŻUTERJĘ, PRECYZYJNE ZEGARKI i SREBRNE WYROBY.
UWAGĄ: Artystyczna pracownia jubilerska i warsztaty reperacyjne.
BEZPŁATNE TAKSOWANIE BIŻUTERJI.

קאנסום פאר אלע

די ברייטע מאסען קויפענדע דריקען אויס זייער פערוואונדערונג, צוליב די אונגעוועהנליך נידריגע פרייזען פון איינציגען אין אונזער שטאט ווארען־הויז „קאנסום" ביי דער ווירזעווער מאנופאקטור, ראקיטשינער 54, צופאהר מיט די טראמוואיען 10 און 6.

דאס געהיימניש פון דער אויסנאהמס־ביליגקייט אין „קאנסום" שטעקט אין דעם, אז די דירעקציע, איינקויפענדיג פארטיעס סחורות אויסשליסליך אין גרויסע קוואנטומס אין אזעלכע קוועלען, וואס ערמעגליכט איהר צו קאלקולירען די אונגעוועהנליך נידריגע פרייזען. „קאנסום" עמפפעהלט פאר דאמען אלערליי וואלשטאפען, זייד ווארען ווי אויך אויסארבייטונגען פון דער „ווידזעווער מאנופאקטור" אויך פאר הערן — די עלעגאנטסטע שטאפען אויף אנציגער, קאנפעקציע און וועש.

נישט קוקענדיג אויפן קריזיס איז אין די זאלען פון „קאנסום" ריהרעוודיג, ווייל ס'איז די ביליגסטע איינקויפס־קוועלע אין לאדז.

ראדיא־פראגראם

דינסטאג, דעם 5־טען פעברואר

6.48 פליטען, 6,52 גימנאסטיק, 7,07 פליטען, 7,50 רעקלאמע קאנצערט, 11,57 צייט סיגנאל, 12,03 ידיעות, 12,05 פרעסע, 12,10 פליטען. 12,45 בריף צו קינדער, 1 ידיעות, 1,05 פליטען, 3,30 עקספארט, 3,35 בערזע, 3,45 מוזיק, 4 45 פון פ.ק.א. 5 קאנצערט, 5,25 שפראכען ווינקעל, 5,35 לידער, 5,50 טעכניש קעסטעל, 6 פליטען, 6,10 רעפערטואר פון די טעאטערן, 6,45 ליטעראַרישע פערטעלשעה, 7 קאנצערט, 7,20 פעליעטאן, 7,30 לידער, 7,50 ספארט, 8 „א ווינטער אווענד", 8,45 ידיעות, 9 פוילישע מוזיק, 10 רעקלאמע קאנצערט, 10,15 פליטען, 10.45 פליטען, 11 ידיעות, קאמוניקאטען, 11,05 טאנץ מוזיק.

אויספלוגען קיין פאלעסטינע פון 630.— זל. אין

ארגאניזירט:

„ארבים" פיעטריקאווער 18, טעל. 249-33
65, „ 101-20

14־יעהריגע פערגוואלדיגט און אנגעשטעקט

(א) ביי פערמאכטע טירען איז געכטען אין לאדזער קרייז געריכט בעטראכט געווארן דער פראצעס געגען 32 יעהריגען וואגלער סטאניסלאוו מאטשישעווסקי, וועלכער האט פערנארט די 14 יעהריגע העלענא ס., זי פערגוואלדיגט און אלס צולאג זי אנגעשטעקט מיט א ווענערישער קרענק.

מאטשישעווסקי איז פערמשפט געווארן אויף 3 יאהר תפיסה.

„ראזמאיטאשטשי" — טעגליך אויספערקויפט אויף „וועלט־געוויסען!"

מיט אלעקסאנדער גראנאך

אזא ערפאלג ווי עס האט אלטער קאציזנע'ס סינטעטישער רעפארטאזש „וועלט־געוויסען!" האט נאך קיין שום שטיק אין די לעצטע יאהרען אויף דער יודישער ביהנע נישט געהאט. דאס „ראזמאיטאשטשי"־טעאטער איז יעדען אווענד אויספערקויפט. דער עולם רעקרוטירט זיך פון אלע שיכטען פון דער לאדזער יודישער בעפעלקערונג.

צו דעם דאזיגען שטורמישען ערפאלג האבען קודם כל גורם געווען דער שפאנענדער און עמאציאנעלער אינהאלט פון שטיק גופא, און דאס גלענצענדע שפילען פון דעם גרויסען קינסטלער אלעקסאנדער גראנאך, וועלכער האט געשאפען א קרעאציע אין דער ראלע פון „שלום שווארצבארד".

די דאזיגע פיעסע וועט געשפילט ווערען היינט און מארגען צו פאפולערע פרייזען.

דאנערשטאג ווערט געשפילט אויפ'ן אלגעמיינעם פערלאנג „די געלע לאטע" צו הנחה־פרייזען מיט אלעקסאנדער גראנאך אין דער הויפטראלע.

Dr. med. P. Braun

צוריקגעקעהרט

ספעציאליסט פאר הויט־ און ווענערישע קראנקהייטען

נעהמט אן פון 8 ביז 1 און פון 4 ביז 8 אווענד.

Cegelniana 4, tel. 216-90.

איינמאליגע פאלקס־פארשטעלונג פון „וועלט געוויסען" מיט אלעקסאנדער גראנאך

מארגען, מיטוואך, קומט פאר א פאלקס פארשטעלונג פון „וועלט געוויסען" מיט'ן בעריהמטען ארטיסט אלעקסאנדער גראנאך אין דער הויפטראל. כדי די ברייטע פאלקס שיכטען זאלען האבען די מעגליכקייט צו זעהן דעם פרעמיער פון דער דייטשער ביהנע, דעם גרויסען ארטיסט גראנאך אין זיין פרעכטיגער ראל אלס שלום שווארצבארד, איינגעארדענט דורך דער געזעלשאפט „קולטור ליגע". בילעטען צו ביליגע פרייזען צו בעקומען אין סעקרעטאריאט פון ק.ל. זאכאדניא 68.

פון דער לאדזער בערזע

באנק פאלסקי — — — —	97.75
3 פראצענטיגע בודאוולאנע —	46.00
4 „ דאלארובקא —	53.50
7 „ סטאבילויזאציע (אמ.)	72.25
5 „ ווארשאווער ס.ב. 1934	62.00
5 „ לאדזער „	53.50
ענגלישער פונט — — —	25.95
דאלאר אפיצ. 5.32 נישט אפיצ. —	5.28
גאלד־דאלאר — — — —	8.89
גאלד־רובל — — — —	4.56
דייטשער מארק — — —	2.02

ראדיא־ווינקעל

רעארגאניזאציע פון מוזיק־אפטיילונג אין פוילישען ראדיא

די מוזיק־ליטונג פונ'ם פוילישען ראדיא אר־בייט איצט איבער א פרינציפיעלען איבערבוי פון דער אפטיילונג, וועלכע איז אזוי וויכטיג אין דער פראגראם־פאליטיק פון ראדיא.

מען האט קודם כל איינגעארמירט דעם גרויסען ראדיא־ארקעסטער, וועלכער וועט אין דעם יאהר ווערען צוטיילט אין צוויי. א דאנק דעם וועט מען קאנען פאר יעהען גרעסערען קאנצערט איינארדנען מעהר פראבען, און אויך דערגרייכען מעהר ארטיסטישע עפעקטען ווי ביז איצט. פון צייט צו צייט וועלען אין די מיטאג־שעה'ן אויפטרעטען די ראדיא־ארקעסטערס אין א פערקלענערטען פארמאט. ביז איצט איז דאס געווען אונמעגליך צוליב'ן לאנגען צוגרייטען זיך פונ'ם גרויסען ארקעסטער צו די אווענד־אודיציעס.

דער אייפעל־טורם אויף מיטעל־כוואליעס

דאס פראנצויזישע פאסט־און טעלעגראף־מי־ניסטעריום טיילט מיט, אז אין הסכם מיט'ן אנגענומענעם פראגראם אין לוצערן, ווערט די ראדיא־סטאציע אויפ'ן אייפעל־טורם איבערגעארבייט אויף א מיטעל־כוואליענע.

די ארבייט וועט געפיהרט אין זעהר א שנעלען טעמפא ביי דער מיטארבייט פון טעכנישע כוחות וועט שוין זיין טעטיג אין די ערשטע טעג פון אפריל.

ר. איזראעל

דער בערזע־סוחר

שפאנענדער ראמאן פון יודישען לעבען

108

— פאר קיין שום געלד און פאר קיין שום פרייז אין דער וועלט וועל איך מיט אייך נישט מיטגעהען, האט אוסטען געזאגט, איהר קענט דאך נישט שטעלען אין געפאהר מיין לעבען פאר דער טובה, וואס איך האב אייך געטון.

— און איהר דארפט דאך פערשטעהען, אז דושאנס לעבען איז שוין איצט אין א דירעקטער געפאהר און ווי אידער אליין האט געזאגט לעבט ער אפשר שוין נישט.

— אבער זוכט אייך אליין און געפינט איהם אויס, צוליב וואס זאלט איהר מיך מיטשלעפען.

— אונז וועט עס זיין שווער, ס'איז איצט נישט פערהאן קיין צייט אויף אבלאוועס, זוכונגען, פארשונגען. מיר מוזען קומען צו א גרייטע זאך און דעריבער מוזט איהר מיט אונז מיטגעהען, ווען איהר נישט געהען מיט גוטען וועלען מיר אייך צווינגען דערצו. וואס שייך אייער מורא פאר אימיצען איז עס איבריג, איהר געפינט זיך אונטער אונזער שוץ.

דער אינספעקטאר האט אנגעהויבען ארגאניזירען די עקספעדיציע אין „רויטען הויז". מ'האט דאס געמוזט מאכען זעהר פארזיכטיג, כדי נישט מיטאמאל צו בעפאלען דאס „רויטע הויז", ווייל דארט האבען נאך געקענט זיין פערשידענע געהיימע אויסגענג און הינטערגענג און די פאליציי האט בעקענט אויסגעשטעלט ווערען אויף חוזק. דעם פלאן פון דער אבלאווע האט געמוזט מאכען דער „ווייסער אוסטען" אליין ביי דער מיטהילף פון אינספעקטאר.

— ווי אזוי וואלט געווען אמבעסטען צוצוקומען צו דעם „רויטען הויז".

— פון איין זייט צוצוקומען וואלט געווען אנ'אומזיסטע טרחה, זיי אלע וואלטען ענטלאפען דורך א געהיימען ארויסגאנג און איהר וואלט געפינען א ליידיג הויז. אזוי ווי ס'איז שוין אמאל געווען דער פאל, ווען איהר זענט דארט געווען און אין דערזעלבער צייט בין איך אויך דארט געווען מיט'ן געשיקטען ראבערט און איהר האט אבסאלוט דערפון נישט געוואוסט.

— ווען איז דאס געווען?

— דעמאלס ווען איהר האט אונטערזוכט דאס הויז נאכ'ן מארד פון רובינ'ען.

— צום טייוועל, דעריבער בין איך דאך גערעכט, ווען איך זאג, אז איהר מוזט מיט אונז מיטגעהען, ווייל איהר קענט דעם פלאן פונם הויז.

דער אינספעקטאר האט דערווייל צונויפגעשטעלט די אפטיילונג, וועלכע ער האט געוואלט מיטנעהמען צום „רויטען הויז".

אוסטענען איז נישט געווען קיין אונטערשיד. ער האט גארנישט געהאט אין איצטיגען מאמענט אויפ'ן געוויסען, אז ער זאל מורא האבען פאר דער פאליציי און מיט'ן אינספעקטאר האט ער זיך אויסגערעדט, אז עס זאל הייסען, דאס ער איז ארעסטירט געווארן און געצוואונגען געווארן מיטצוגעהען אין „רויטען הויז".

אוסטען האט אנגעפיהרט מיט דער אבלאווע. ער האט קודם כל געהייסען אנ'אפטיילונג אוועקפאהרען אין מיטען לאגדאך, אין א געוויס הויז אויף א בעלעבטער גאס און געהייסען זיך אוועקשטעלען אויף דער וואך אין א געוויסען ארט, ווי אוסטען האט ערקלעהרט, איז אויף דעם ארט געווען דער אויסגאנג פון אנ'אונטערערדישען גאנג, וועלכער האט זיך געצויגען פון דעם רויטען הויז ביז דארט אהין. מיט א צווייטער אפטיילונג איז אוסטען צוזאמען מיט'ן אינספעקטאר אוועק אין „רויטען הויז" גופא. דעם אינספעקטאר איז דער פלאן פון דאזיגען הויז געווען גוט בעקאנט נאך פון דער צייט, ווען ער האט געפיהרט די אויספארשונג איבער דעם ענין רובין. איצט זענען ביי איהם אין קאפ געבוירען געווארן פערשידענע געדאנקען.

— געוויס האט אויך דער איצטיגער ענין מיט דושאנען א גרויסען שייכות מיט דער רובין־געשיכטע און מיט אלץ וואס איז פארגעקומען נאך דעם, אויב דושאן איז איצט א געפאנגענער אין דעם הויז, וואו די אלע מארדען זענען וואהרשיינליך פארגעקומען.

דאס „רויטע הויז" האט געמאכט דעם איינדרוק פון א פערלאזענער רואין, וואו קיין מענשליכער פוס קומט נישט אריין, דער גארטען פון פאריענט איז געווען פערמאכט און ס'האט זיך אפילו נישט אנגעזעהען, אז מענשען זאלען האבען אין די לעצטע טעג דא אדורכגעגאנגען.

— דאס שטימט, האט אוסטען געזאגט, דורך דער טיר איז זיכער קיינער נישט געגאנגען, ווייל ראבערט איז זיכער, אז דאס טירעל ווערט געהיטען דורך דער פאליציי נאך זייט דעם רובין־מארד דעריבער געהט מען דא אין הויז דורך 2 איינגענג. איינער, וואוהין איך האב געשיקט די פאליציי אפטיילונג און פון דארט דא אהער דורך פערשידענע היילען און אונטערערדישע גענג אין אנ'ערד פערציג מינוט וועג און דער אנדערער גאנג איז דורך דאנען וואוהין מיר געהען איצט. קיין אנדערער גאנג איז נישט פערהאן, אזוי, אז אויב ס'געפינט זיך נאך עמיצער אינם הויז וועלען מיר זיי טרעפען. איהר דארפט זיך אבער צוגרייטען אויף א קאמף, ווייל אויב ס'איז אין הויז פערהאן דער געשיקטער ראבערט וועט ער אהן קאמף און שטארקען קאמף זיך נישט אונטערגעבען.

דער אינספעקטאר איז מיט עטליכע מענשען אוועקגעגאנגען דירעקט פאראויס.

— דער ענין מוז תיכף ערלעדיגט ווערען, קיין בעסערע געלעגענהייט וועלען מיר נישט האבען, אזוי פלוצלינג וועלען מיר שוין די חברה־לייט קיינמאל נישט קענען איבעררעשען.

— פיר מענשען זאלען שטעהן בלייבען דא ביי דער טיר, האט דער אינספעקטאר געזאגט, קיין איין מענש נישט ארויסלאזען פון דאנען, אויב אימיצער וועט וועלען שטעלען א ווידערשטאנד פון אינעווייניג אדער גאר פון דרויסען, אהן שום ריקזיכט שיסען, א חוץ, זיי וועלען זיך לאזאל אונטערגעבען און ערלויבען זיך צו פערהאלטען.

— פיר מענשען זענען וועניג, האט אוסטען געזאגט, איהר קענט נישט די מענשען, וועלכע געפינען זיך עווענטועל אינעווייניג. זיי זענען בעסערע און געשיקטערע שיסערס פון אייערע פאליציאנטען, געשיקטער זיך ארויסצודרעהען פון א געפעהרליכער לאגע, דאס איז זיכער.

— נאך פיר מענשען זאלען דא בלייבען האט דער אינספעקטאר פעראָרדענט, מיר וועלען געהן אריין מיט א קלענערער אפטיילונג.

אוסטען איז געגאנגען פאראויס, באלד הינטער איהם דער אינספעקטאר און נאך זיי די צעליכע פאליציאנטען און אגענטען, וועלכע דער אינספעקטאר האט מיטבעקומען, זיי זענען אדורך א פאדערצימער, וועלכעס איז געווען איינגאנצען לעדיג. קיינעם האט מען נישט געהערט, מ'האט אויך נישט געהערט פון די שכנות־דיגע צימערן קיין מענשליכע שטימען אדער שריט, וואס זאל בעווייזען, אז אין הויז איז פערהאן אימיצער.

— מיר וועלען ווייטער נישט געהן, האט אוסטען געזאגט, דא וועלען מיר ווארטען, אויב אימיצער איז דא פערהאן מוז ער ארויסגעהן נאר דורך דעם זאל, קיין אנדער אויסגאנג, א חוץ דער אונטערערדישער הייל איז דא נישט פערהאן און צו געהן ווייטער איז געפעהרליך, ווייל די ווייטערדיגע צימערן זענען זעהר ענגע, אזוי אז פאר דעם, וועלכער קען נישט דעם פלאן פון הויז, וועט דער קאמף זיין זעהר א שווערער און געפעהרליכער.

דער אינספעקטאר איז מסכים געווען מיט אוסטענען, געוויס איז געווען פיל גלייכער דא צו בלייבען און זיך צוגרייטען צום קאמף. ס'איז אבער געווען א פראגע צי איז דאס נישט געהען געפעהרליך פאר דושאן קיסטער.

(פארזעצונג קומט)

קראַנג-קינא
CAPITOL
זאַוואַדזקאַ 16

היינט פרעזענטירעז מיר דעם פרעכטיגען פילם מיט טויזענטער פאַסירונגען און עמאָציעס א. ז.

„דער אינזעל פון אוצרות"

אין די הויפט-ראָלען: WALLACE BEERY און JACKIE COOPER — אויסער'ן פּראָגראַם: א בילד אין פאַרבען FOX און פאַט-אַקטואַליטעטען
אָנהויב פון די סעאַנסען 4.30 נאָכמ., שבת, זונטאָג און חגאות – 12.15 בייטאָג. — קירצליך: „דאָס געהיימניש פון דער קליינער שערי".

צוליב'ן קריזיס!
בּיליג און גוט! ● רעיעל און פּינקטליך!

די בעוואוסטע יודישע כעמישע
וועשעריי און פאַרבעריי
„עריקאַ"
מליבאַרסקאַ 2, (ביים רוג בזשעזשינער)

וואַשט כעמיש, פאַרבט און פוצט אַהן שעדליכע מיטלען צו קאָנקורענץ-פּרייזען אַלערליי דאַמען- און מענער-גאַרדעראָבען, אנצוגען, קליידער, מאַנטלען, פוטער, ציהט גאַרדינען אויף ראַהמען, פאַסאָנירט קאַפעלושען ווי אויך שטייפע און ווייכע וועש.
בּילינער ווי איבעראַל: פון 4 זל. אַנ'אַנצוג, פון 1,50 זל. אַ קלייד, פון 75 גר. אַ סוועטער, פון 1.75 פאַסאָנירען אַ קאַפעלוש, 50 גר. אַנ'אויבער-העמד, 15 גר. אַ קראַגען.

צו אַלע מיינע געעהרטע קונדען!
דרוקעריי בראַמבערג
לאָדז, צעגעלניאַנאַ 8
איז ערעפענט
אַלע-אַרט דרוק-אַרבייט
ווערט שוין אָנגענומען
כּריעסטע שריפטען
מאָדערנע אָרנאַמענטען

כּעמיש-
באַקטעריאָלאָגישער-לאַבּאָראַטאָריום
מ. שאַץ
לאָדז,
פּיעטריקאָווער 37
פיהרט דורך זעמטליכע ערצטליכע אַנאַליזען פון אורין, בלוט, פלעגמע א. א.

ערשטע יודישע שלייפעריי
„ZGODA" א. פ.
לאָדז, ציגעל-גאַס 2, טעל. 134-51
(רוג פּיעטריקאָווער)
מאַכט בעקאַנט, אז זי נעמט אָן צו שלייפען און שאַרפען אַלערליי מכשירים פאַר פלייטשערס, שניידער, איינבינדער, פריזיערס זאָווי גלישטערס אז"וו
ערשטקלאַסיגע אויספיהרונג! סאָלידע בעהאַנדלונג!
ביליגע פּרייזען!

Dr. med. **Niewiażski**
ספּעציאַליסט פאַר סיפילים, טריפּער און הויט-קראַנקהייטען. בעהאַנדלונג פון מענער-שוועכע
אַנדזשעיאַ, 5 טעל. 159-40
פראָנט, 1-טער שטאָק.
נעהמט אָן פון 8—11 און פון 5—9 אָוו.
זונטאָג און יום-טוב פון 9—1 פאַרמיטאָג.
בעזונדערער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

לעטשניצע
פאַר וועגעריש קראַנקע
פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען
Poradnia Wenerologiczna
זשעלאַנאַ 2–פּיעטריקאָווער 47
טעל. 189-33
טעטיג פון 9 פריה ביז 9 אָוונט
וועגעריש-קראַנקע, מענער-שוועכע און הויט-קראַנקהייטען.
אַנאַליזען פון בלוט און אורין.
פרויען און קינדער נעמט אָן א פרוי דאָקטער
א בעראַטונג 3 זל.

LABORATORJUM ANALIZ LEKARSKICH
„HIGJENA"
Gdańska 31a, tel. 192-64
עפען א גאַנצען טאָג. נעמט אָן אַלערליי אַנאַליז פאַר אונטערמעסליכע – ביליגערע פּרייזן.

GABINET SWIATŁOLECZNICZY
עלעקטרישע בעשטראַלונגען, קוואַרץ-לאַמפּען, סאָלוקס, דיאַטערמיע.
Gdańska 31a, parter, tel 192-64
עס ווערט אויסגעבאָרגט קוואַרץ-לאַמפּען אַהיים.

לעטשניצע
פון דאָקטוירים - ספּעציאַליסטען
זגערזשער 17
טעל. 116-33
רענטגען-קאַבינעט
וועגעראָלאָגישעס אַמבולאַטאָריום
פון 9 פריה ביז 8 א זייגער אָוונט.
וויזיט 3 זל.

פּריוואַט-קליניק
פון האַלז-, נאָז- און אויערען-קראַנקהייטען
86
Piotrkowska 55
Telefon 174-74
Dr. Dr. A. WOŁYŃSKI, J. IMICH.

שאַכטעל-מאַכער-קאָרפּאָראַציע, לאָדז
פּאָמאַרסקאַ 15
אויפפאָדערונג!
דערמיט פאָדערן מיר אויף אונזער מיטגליד ח' שמעון האַרטשטאַרק (שרודמיעסקאַ 26) איינצוצאָהלען אין דער קאָרפּאָראַציע-קאַסע 40 גילדן פּראָוויזיע ביז מאָנטאָג, ד. 11 ד. ח. גלייכצייטיג ווערט איהר אויפגעפאָדערט זיך צו ענטשולדיגן דורך דער פּרעסע פאַר בעליידיגען די פערוואַלטונג.
אויב איהר וועט דאָס אויבענדער מאַנטע נישט אויספיהרען, נעמען מיר פון זיך אַראָפּ די פעראַנטוואָרטליכקייט.
מיט אַכטונג די פערוואַלטונג

Dr. med. M. TAUBENHAUS
ספּעציאַליסט
פאַר אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען
פערהיטונג געגען שוואַנגערשאַפט
זגערזשער 11, טעל. 246-09
נעמט אָן פון 4-8 אָוונד.

Dr. HELLER
ספּעצ. פאַר הויט און וועגערישע קראַנקהייטען און מענער-שוועכע
8 טראַוגוטאַ 8, טעל. 179-89
נעמט אָן פון 8–11 און פון 4–8 אָוונט
זונטאָג פון 11–2 מיטאָג.
פאַר פרויען א ספּעציעלער וואַרטע-זאַל.
אונבעמיטעלטע – לעטשניצע-פּרייזן

Dr. med. Z. Wajs
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
באַוואַמיעסקאַ 5 (פראָנט)
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט, וועגערישע, האַר און געשלעכטס-קראַנקהייטען
נעמט אָן פון 9—1 און פון 3½—8 אָוונד.
זונטאָג און יום-טובים פון 9—1 מיטאָג
צו לעטשניצע-פּרייזען.

Rutynowany buchalter-bilansista
J. Russak, Łódź,
Narutowicza 49, tel. 217-70
absolwent Akademji handlowej i długoletni kierownik buchalterji poważnych przedsięb. przem.-handlow. przyjmuje wszelkie roboty wchodzące w zakres księgowości. 5945
Całkowita gwarancja.

לעטשניצע
פאַר וועגעריש קראַנקע
פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
לאָדז, זאַוואַדזקאַ 1
טעל. 122-78
טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוונד.
וועגעריש-קראַנקע, מענער-שוועכע און הויט-קראַנקהייטען
אַנאַליזען פון בלוט און אורין
די פערהיטונגס-סטאַציע
איז טעטיג א גאַנצען מעת לעת
פאַר פרויען א ספּעציעלער וואַרטע-זאַל
א בעראַטונג 3 זל.

קליינע אַנאָנסען
ז. ווייטער
אַנאָנס ביי אַ הערמער

ראָקאָלעז

אַנ'איינגעפיהרטע קויהלען-בודקע צו פערדינגען פון געלד, גלובנאַ 36. 820

נאַכטלעגער ענצעלנע שטיבלעך פאַר יונגעלייט אין אָפּצוגעבען וואָסכאָדניאַ 19 ביי זענדעל. 6076

פערשידענעס

געזיכערטע פרנסה! עס איז דאָ אַ גוטע בעריצונגבען פון זאַפּאַרט א בופעט אין אַ טעכטער-שולע. צו ערפאַהרען קילינסקיעגאָ 25, וו. 39. 6075

א צוקערניע 2 וואַלצובקע, מאַרמאָר-טישלעך, גאַבלאַטקעס פערקויף איך. זגערזשער 29 אין דער צוקערניע. 072

Lekcje hebrajskiego i angielskiego. Postępy gwarantowane. Ceny przystępne. Narutowicza 11, m. 4, front. Zgłoszenia 5–6 popoł.

פרייע פאָסטענס

עס ווערט געזוכט א יונגערמאַן צו צעטראָגען צייטונגען אויף אָנגעוויזענע שטעלען. פולע בעקעסטיגונג און א קליינעם געהאַלט. צו ווענדען זיך זשגאַוואָסקאַ גאַס 5 צום צייטונגס-טרעגער פון 5 ביז 8 אָוונד, בעפאַרצוגט פּראָווינצער.

GABINET DENTYSTYCZNY
Lek. Dty
A. Struńskiego
פּיעטריקאָווער 43, טעל. 165-20.
אין טעטיג

Dr. med. M. Wajnberg
נערווען-קראַנקהייטען
(עלעקטריזאַציע)
נעהמט אָן פון 5 – 8 אָוונד
זשעראָמסקיעגאָ 25
טעל. 172-20

Dr. S. Kantor
ספּעציאַליסט פאַר הויט און וועגערישע קראַנקהייטען (סיפּילי און טריפּער), היילט מענער-שוועכע
פּיעטריקאָווער 90 טעל. 129-45
נעמט אָן פון 8–2 נאָכמ. און פון 4–9 אוו., זונטאָג און יום-טוב פון 8–2 נאָכמ
פאַר אונבעמיטעלטע – לעטשניצע-פּרייזען

Dr. med.
Z. DATYNER
אוראָלאָג
ספּעצ. פאַר נירען, פּלאָז און אורין-קראַנקהייטען
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95
נעהמט אָן פון 2–3 און פון 6–8 אָוו.

Dr.
J. Neuman
כירורג
(וועלכער אָרדינירט אין שפּיטאָל אויף דרעוונאָווסקאַ)
נעמט אָן אין דערהיים פון 5–8 אָוונד.
זאַכאָדניאַ 57, טעל. 281-95

Dr. med.
D. ROZENCWAJG
וואוינט יעצט אויף
פּילסודסקיעגאָ 72 72
(ווסכאָדניאַ) פראָנט 2-טען שטאָק
טעלעפאָן 128-74.

קלעפּסידרעס
צו זעהר ביליגע פּרייזען
נעהמט אָן די דרוקעריי פון
„נייעם פאָלקסבלאַט"
די קלעפּסידרעס ווערען אין משך פון 1 שעה אויסגעפערטיגט
און פונאַנדערגעקלעבט איבער שטאָט.

מודעה. ברוך-קראַנקע!
ליידענדע אויף פערשידענע רופּטורען. פערקרימונגען פון רוקען-ביין, פיס און הויקערס!
אַ הילף און אַ רפואה!
ביי ווינקעל, נופעל, בויך און קיטברוכען אויך אין געפעהרליכסטען צושטאַנד ביי מענער, פרויען און קינדער. ספּעציעלע הילף ביי פרויען, מוטערברוך, מאָגען און נירען-ברוך!
ברוך-ליידענדע! איהר קענט געזונד ווערן אהן בלוטיגע אָפּעראַציעס און געפאַהר! פערנאַכלעסיגט נישט און ראַטעוועט אייער געזונד כל-זמן ס'איז נאָך צייט, ווייל דער ברוך ווערט גרויס ווי אַ מענשען-קאָפּ,
די קישקעס ווערען פערדרעהט און מ'קען בראַנדיג ווערען. דורך מיין מעטאָדע צופּאַסענדע ספּעציעלע גומי-הייל-באַנדאַזשען, וועלכע האַלטען צו די גרעסטע פערנאַכלעסיגטע געפעהרליכע ברוכען און בעזייטיגען ראַדיקאַל מיט גאַראַנטיע. מיין ספּעציאַליטעט איז אויך: הייל-אַפּאַראַטען און גאָרסעטען נאָך דעם סיסטעם פון פּראָפעסאָר ד"ר האָפּאַ, ד"ר העססינג און קאַלאָט. געגען אַלערליי פערקריפּלונגען, פערקרימטע פּלייצעס, פוס, הויקערס ווי אויך שמערצענדע פּלאַט-פיס. פאַר אַמפּוטירטע אינוואַלידען אַ מעריקאַנישע קונסט-פיס (סטאָלאַן-אַרבייט).
ביים אָראָפּלאָזען זיך פון מאָגען, קישקעס און געבירט-מוטער, עמפּפעהל איך ספּעציעלע הייל-באַנדאַזשען לויט דעם סיסטעם פון פּראָפ. ד"ר גלענאַרד.
דער אמת'ער בעריהמטער און גאַנץ פּוילען ספּעציאַליסט
פון אוניווערזיטעטס-פּראָפעסאָרען אָנערקענט
Ortoped NATAN RAPAPORT
מיט 30-יעהריגער פּראַקטיק אין וויען, דייטשלאַנד און לעמבערג, נעמט אָן פון 9 פריה ביז 1 בייטאָג און פון 3 ביז 7 אָוונד
אין לאָדז, פּילסודסקיעגאָ № 23
פּערזענליכעס ערשיינען פון קראַנקע ביי מיר איז אומבעדינגט נויטיג.
צאָהלרייכע דאַנקזאָגונגען פון געהיילטע רבנים און צדיקים און פון פיל הויכגעשטעלטע פּערזענליכקייטען.
געדענקט די אַדרעס:
אָרטאָפּעדישע אַנשטאַלט 23 פּילסודסקיעגאָ 23.
איינציגער אמת'דיגער היילבאַנדאַזשען-אינסטיטוט לויט'ן אויסלענדישען מוסטער.

אַנאָנסען-פּרייז פאַר אַ מילימעטער-שורה
פאַר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאָג און ערב-יו"ט—24 גר. אין דער זייט ספּאַלטען
אין טעקסט—40 . . . . —60 4
ציר'ן טעקסט—12 . . . . —18 . . . .
אויסער דער שטאָרט 50 פּראָצ. טייערער, אויסלאַנד 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. אַ וואָרט

נעקראָלאָגען 20 גר. אַ מ/מ (אין דער זייט, ספּאַלטען) קליינע אַנאָנסען ביז 15 ווערטער 1 זל. יעדעס איבעריגע וואָרט — 10 גר.

אַבאָנעמענטס-פּרייז:
אין לאָדז — 4 זלאָטעס אַ חודש מיט צושטעלען אַ היים. אויף דער פּראָווינץ — 5 זל. א חודש; אין אויסלאַנד 7 זל. אמעריקא—1 דאָל.

פאַרלעגן, וועלכע ענדערן נישט פּרינציפּיעל דעם אינהאַלט פון דער אַנאָנס בעררעכטיגען נישט צום איבערדרוקען די אַנאָנס אָדער צוריקצוצאָהלען פאַר דעם אַנאָנס

פאַר'ן אינהאַלט און פאַר מין פון די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פעראַנטוואָרטליך. די אַדמיניסטראַציע איז אָפען בייטאָג און ביינאַכט

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg — Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.